PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5116
L45
1922
v.3
c.1
ROBA

Dec. 11 - p.133 - p.135, 35-36, p.2 & p.5
Oral on Chanukah
Essay

יעקב לעווין

Dec. 18 - Review p.133 - p.135, 35-36, p.2 -

דער אָנפאַנגער

Story

לערבוך צו לערנען קינדער לייענען
און שרייבן אידיש

Dec. 25 - p.40 - p.41
54, 55, 56, also essay

מיט זייער פיל אילוסטראציעס
און בילדער אין טעקסט

Jan. 1st - 89 - 92 - Memory work.
Read - p. 62 - p. 65 - Essay

דריטער טייל
(העברייאישער עלעמענט)
(אכטע אויפלאגע)

(ניו יארק 1935)
פארלאג „אידישע שול"

הויפטפארקויף ביי
היברו פאבלישינג קאמפאני
34–632 בראדוויי, ניו יארק

Mar 21 - Jewish reading p. 5, 6, 14, 15
Sifre p. 68 - copy Hebrew and translate.
Review in Sifre - 71, 68, 27, 28,
Haggadah, Kiddush, Questions, Prayers.
Jewish - Composition - instead of Questions
Mar 28 - Jewish reading p. 19-21, also 13-14 in Jewish
Haggadah - Kiddush - Questions Prayers
Sifre p. 91 - copy Hebrew and translate
New lesson - p. 77 - copy Hebrew & translate
Review old lesson p. 91
Haggadah, Kiddush.
Apl. 5 - p. 23, 29, 41-42 - Jewish reading
Haggadah, Kiddush, prayers.
Sifre - p. 79 - New lesson - copy and translate.
Review p. 91, also p. 77 and translate well
pl.

Copyright, 1923, by
JACOB L. LEVIN

University of Toronto
NOV 15

Printed in United States
Hebrew Publishing Company
New York

PJ
5116
L45
1922
v.3

אינהאַלט:

זייט:

צו די לערער — — — — — — V
א קלוגער ענטפער. פון העברייאיש. — — — 1
וואו וואוינט די זון. ליד. לאה קאַפּילאָוויטש. — — 1
צוויי טעפּ. פּאַבל. עזאָפּ. — — 2
ניט צעקריגט זיך. — — — 3
לויט דעם פרעג דער ענטפער. אגדה. — — — — — — 4
דער הינקעדיקער. פון רוסיש. 5
דער הירש. פּאַבל. עזאָפּ. — — 6
אויף דער לינקער זייט. פון קרינסקי. — — — — 8
דער זייגער. ליד. לאה קאַפּילאָ־וויטש. — — — — — 9
א פּאָר מאָס גערשטן. אגדה. 10
אין שטייגל. ליד. י. קאַצענעלסאָן. — — — — — 11
פאַרנייען א שטייסל. אגדה. 12
איין פּאָר שיך. — — — — 13
טייערע שטיינער — — — 13
אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטל. פון רוסיש. — — — — 14
צוויי לערער. פון ענגליש. — 15
די זון, די לבנה און דער אמת. 16
דער סוחר און דער מאַטראָס. 17
דאָס ביינדל. — — — — 18
ביינאַכט. ליד. אלי עלין. — 19
א סך און ביליג. אגדה. — — 20
דער טויבער בעטלער. אַנעקדאָט. — — — — — 21
דאָס אינגעלע און דאָס פייגעלע. ליד. ש. י. לאַנדינסקי. 21
באַפרייט די פייגעלאַך. פון ענגליש. — — — — — 23
די גאַנז אויף איין פוס. אַנעקדאָט. — — — — — 24
א גוטע עצה. — — — — — — 25
דער שוואָן, דער העכט און דער קרעפּס. נחום י. לויט קרילאָוו. — — — — — 25
דאָס פערד און דער אייזל. פּאַבל. עזאָפּ. — — — — — 26
דער קליינער חדר־אינגל. ליד. ה. רויזנבלאַט — — — — 28
די הינט און די וועלף — — 29
א שאָרף אויג. אגדה. — — 29
א לעפל. פון העברייאיש. — 30
בלומען. ליד. מ. בראָדערזאָן. 31

זייט:

דער וואָלף און דאָס שעפּעלע. פּאַבל. עזאָפּ. — — — — — 32
דער קרוג מיט מילך. פּאַבל. עזאָפּ. — — — — — — — 33
די קראָ. פּאַבל. פ. קאַפּלאַן. — 35
דער איידלשטיין. אגדה. — — 36
די ביימער און די האַק. אגדה. 37
א גרויסער פאַרדינער. ליד. לאה קאַפּילאָוויטש. — — — 38
דאָס ליד פון דער פראָש. ליד. יהואש. — — — — — — 39
דער פוקס און די פיש. אגדה. 40
דער אַלטער און דער טויט. פּאַבל. פ. קאַפּלאַן. — — — 40
צוליב דער רויז. אגדה. — — 41
דאָס שיפעלע. ליד. נאָמבערג. 42
אין דרויסן. ליד. לאה קאַפּילאָ־וויטש. — — — — — — 43
ניט די כלי איז דער עיקר. אגדה. — — — — — — 43
דער וואָלף לערנט. פון העבר. 45
א קלוגער משפט — — — — 46
די פוסגייער און די האַק. פון ענגליש. — — — — — 47
דער קלוגער פאַרמער. פון רוסיש. — — — — — 48
חנה׳לע. ליד. נחום י. — — 50
די זופּ. — — — — — — — 50
ווי מען פרעגט אַזוי ענטפערט מען. פון העברייאיש. — — 52
דער לערער זשוק. ליד. מאַלי. 53
דער גוטער חוש־השמיעה. קרינסקי. — — — — — — 54
דער קאָפּ און דאָס היטל. אַנעקדאָט. — — — — — — 54
דער קריג פון די אברים. פּאַבל. 55
רייכקייט. — — — — — — 56
דער טויט און דאָס לעבן ביי דער צונג אין האַנט. אגדה. 57
דער יאַרגרייַן. פון רוסיש. — 59
פיר וואונשן. פון רוסיש. — 61
ווינטער־אָוונט. ליד. נפתלי גראָס. — — — — — — — 62
דער פרילינג קומט. ליד. נחום י. — — — — — — 63
פרילינג־ליד. ליד. ש. פרוג. — 64
א זומער־פרימאָרגן. ליד. אַב. וויקטאָר. — — — — — — 65

זייט:

זומער אויף א פעלד. ליד. ד. האָפשטיין. — — — — 66
ווען עס רעגנט. ליד. נפתלי גראָס. — — — — — — 66
די פיר צייטן פון יאָר. ליד. ש. י. לאַנדינסקי. — — — 67
און וואו בין איך? י. שטיינבערג. — — — — — — 69
א קליינער לערער. פון דער „מוטער־שפּראַך“. — — — 70
א הינטל אָלס עדות. פון „שול־חבר“. — — — 72
א נייער חבר. פון „שול־חבר. 74
תורה איז די בעסטע סחורה. אגדה. — — — — 76
הלל'ס ליבע צו תורה. אגדה. 77
פון זיך אליין אויסגעלערנט. פון פראַנצויזיש. — — — 78
רחל און עקיבא. אגדה. — — 80
דער ערשטער טאָג אין סקול. ש. אַש — — — — — — 83
א פּאַוזע. ליד. לאה קאַפּילאָוויטש. — — — — — 85
דריי אינגעלאַך. ליד. י. גויכבערג — — — — — 86
צום טאַטנס געבורטסטאָג. פון תשרק. — — — — — 88
דעם זיידנס טאַביק־פּושקע. ליד. לאה קאַפּילאָוויטש. — 89
א שמעק טאַביק. אַנעקדאָט. — 93
שלימאזל. קרינסקי. — — — 94
דער מאַן, זיין זון און דער אייזל. פאַבל. עזאָפּ. — — 96
דריי שטאַלן. פון תשרק. — 98
דער קאַטער. סאָלאָגוב. — — 100

זייט:

מיין קעצעלע. ליד. דוד אייגהאָרן. — — — — — — 102
דער הונט, די קאַץ און די מויז. ב. באַטווינניק. — — 103
געלערנטע הינט. — — — 105
דער אַלטער הונט. פון רוסיש. 106
דער העלפאַנד געדענקט א טובה. — — — — — — 108
ווי די פייגל האָבן זיך אויסגעלערנט בויען נעסטן. פון ענגליש. — — — — — — 109
דאָס פייגעלע. ליד. לאה קאַפּילאָוויטש. — — — — — 111
אין ליליען־בעכער. פּ. הירשביין 112
די בין. ליד. יהואש. — — — 114
די בין און די רויז. נאָך שוויף. 115
דער עפּלבוים און דער רויזנשטרויך. אגדה. — — — 117
דער קריג פון דיביימער. — 117
דער טענענבוים. נאָך גרים. — 118
דער פוקס און דער וואָלף. אגדה. — — — — — — 121
דער וואָלף און דער מענש. פון גרים. — — — — — 124
שימעלע נאַר. תשרק. — — 127
דער שטערנבער. פון טאָלסטאָי. 131
דריי איינפאַלן. אגדה. — — 133
רעטענישן און פראַגן — — 136
ענטפערס צו רעטענישן אויף זייט 136: קלוגע. דער וואָס האָט דעם גרעסטן קאָפּ. א גרוב. הימל, שטערן, לבנה. שניי. שאָטן. צונג. פּען. רעדער פון א וואָגן. א שטומער. א קעפל קרויט. בוים. שפּיגל. בעזים. אויג.

קונסט־בילדער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

זייט:

ברידערלאַך. פון פאָגעל. — — 71
מיטגעפיל. פון ריוויער. — — 73
אויף א קאָמפּאָזיציע־לעקציע. פון זשאָפרואַ. — — — — — 80
קליינוואַרג אין קלאָס. פון זשאָפרואַ. — — — — — 84

זייט:

זאָלסט אַלעמאָל זאָגן דעם אמת! פון פאָעד. — — — — 92
דער האַלצהעקער. פון מילעט. 95
אַנטלאָפן די קו. פון דיופרע. 98
קעצעלאַך אין א קעסטל. פון מאַדאַם ראָנער. — — 101
געראַטעוועט. פון לאַנדסיער. — 106

צו די לערער.

עס איז הייַנט צו טאָג אַ שטרייט־פראַגע, צי דאַרף מען דעם העברייאישן עלעמענט אין דער אידישער שפּראַך אָנהייבן אויסליגן לויט דעם אַלגעמיינעם אידישן אויסלייג, אָדער מען דאַרף אים לאָזן גיין לויט דער אַלטער העברייאישער אָרטאָגראַפיע, און זאָל זיין אפילו אַ ביסעלע געענדערט. אַלנפאַלס אָבער קאָן די דאָזיקע פראַגע ניט געליזט ווערן פון די לערער אַליין און זיכער ניט פון דעם אָדער יענעם אייבצעלנעם לערער פאַר זיין שול.

איינער פון די צילן פון דער אידישער שול איז — אויסלערנען דאָס קינד עס זאָל קאָנען איבערלייענען אַלץ, וואָס עס איז געשריבן (אָדער געדרוקט) מיט אידישע אותיות. דערווייל ווערט ווייניקסטנס דאָ ביי אונז אין אַמעריקע און אויך אין פוילן און ליטע דער העברייאישער עלעמענט אויסגעלייגט לויט דעו אַלטער — העברייאישער — אָרטאָגראַפיע. און כדי דאָס קינד זאָל אָט די אַלע ווערטער קאָנען איבערלייענען, מוז מען עס לערנען. מען מוז אים אָנווייזן אויף דער באַזונדערן פּרינציפּ, לויט וועלכן אָט די ווערטער ווערן געשריבן און געלייענט, און מען מוז לאָזן דאָס קינד איבן זיך אינ׳ם לייענען אַזעלכע ווערטער, כדי עס זאָל זיי לייכט קענען איבערלייענען. מען מעג אַליין זיין דער גרעסטער אָנהענגער פון דער געוויינלאַכער אידישער אָרטאָגראַפיע פאַר די העברייאישע ווערטער; אין שול אָבער מוז יעדער לערער זיך רעכענען מיט דעם, וואָס עס איז נאָך דערווייל אַלגעמיין אָנגענומען.

בנוגע דעם בוך, וואָס איך לייג אָט דאָ פאָר פאַר די לעזער, וויל איך בלויז באַמערקן פאָלגנדעס: דער ציל פון דעם ערשטן טייל זיינעם איז — סיסטעמאַטיש צו באַקאַנט מאַכן די קינדער מיט די העברייאישע נקודות און אותיות. דאָס ווערט געטאָן דורך געוויסע העברייאישע ווערטער, וואָס קומען יעדעס מאָל אין אַ מעשה׳לע אָדער אין אַ ליד. דער לעז־מאַטעריאַל אין דעם טייל איז ניט אַלעמאָל קיין סיסטעמאַטישער. דער וויטערדיקער טייל אָבער, אָנהייבנדיק פון זייט 54, באַשטייט שויז פון גאַנץ סיסטעמאַטישן לעז־מאַטעריאַל. דאָ קומען: 1) די חושים; 2) די צייטן פון יאָר; 3) דאָס לערנען; 4) קינדער און עלטערן; 5) וויציקע מעשׂות; 7) מעשׂות וועגן באַקאַנטע חיות און 8) עטלאַכע לענגערע מעשׂות.

דעם ערשטן טייל וועט דעם לערער אויסקומען צו לערנען מיט די קינדער אין דעם סדר, ווי דאָ איז געגעבן, אויב ער וויל נאָר סיסטעמאַטיש באַקאַנט מאַכן דאָס קינד מיט די העברייאישע עלעמענטן. די וויטערדיקע זאַכן אָבער, פון זייט 54 אָן, קאָן דער לערער, פאַרשטייט זיך, לערנען מיט די קינדער אויך ניט כסדר, אויב ער געפינט עס פאַר נייטיק.

די העברייאישע ווערטער ווערן געוואוינלאַך צוערשט געגעבן געפּינטלט פון אויבן, איבער דעם לעז־שטיק. שפּעטער אין דעם לעז־שטיק גופא קומען די העברייאישע ווערטער צעשפּרייט, כדי דאָס קינד זאָל זיי גלייך באַמערקן, אָבער ניט געפּינטלט. און כדי דורכצולייענען זיי, וועט דאָס קינד דאַרפן זיך ווענדן צו די געפּינטלטע ווערטער איבער דער זאַך. אָנהייבנדיק פון זייט 62 ווערן איבער יעדער זאַך די העברייאישע ווערטער מער ניט געגעבן געפּינטלט. דאָס קינד וועט אָבער יעדעס העברייאישע וואָרט געפינען ג ע פּ י נ ט ל ט אין׳ם ווערטערביכל, וואָס קומט אויפ׳ן סוף פון בוך, אויף זייט 137.

אינ׳ם צווייטן טייל פון בוך זיינען אַריינגעגעבן געוואָרן אַ ריי קונסט־בילדער פון באַרימטע מאָלער. דער ציל איז — צוצוגעוואוינען די קינדער צו שענערע בילדער און צו שמועסן מיט די קינדער וועגן דעם אינהאַלט פון די בילדער. דערביי איז די אויפגאַבע פון דעם לערער צו זען, אַז דאָס קינד זאָל זיך אויסלערנען צו באַמערקן אויפ׳ן בילד וואָס מער איינצלהייטן.

די בילדער האָבן אָדער אַ דירעקטע, אָדער ווייניקסטנס אַן אומדירעקטע שייכות צו די זאַכן, ביי וועלכע זיי שטייען. און דער לערער קאָן אַלעמאָל געפינען אַ פאַרבינדונג צווישן דעם בילד און דער זאַך, וואָס ער לייענט מיט די קינדער. מען קאָן אויך בעטן די קינדער צוטראַכטן אַ מעשה צו יעדן בילד.

איך וויל זייער בעטן די לערער אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם בוך, ווייל פון אויפריכטיקער קריטיק קאָן דאָס בוך אין די ווייטערדיקע אויפלאַגן בלויז געווינען.

ניו־יאָרק, 143 איסט 103־טע סטריט; יולי, 1923.

יעקב לעווין.

— = אַ. יַם. סַךְ.

אַ קלוגער ענטפער.

— פאַרוואָס איז דאָס וואַסער אין ים געזאַלצן?
— האָט אַ פאָטער אַמאָל געפרעגט זיין קליינעם זון.
— איך דענק, טאַטע, דאָס איז דערפאַר, — האָט דער זון געענטפערט, — וואָס דאָרט איז פאַראַן אַ סך הערינג.

וואו וואוינט די זון.

—אין וואַלד, צווישן ביימער,
האָב איך די זון געזען;
זי איז געגאַנגען שלאָפן,
עס איז פאַרנאַכט געווען.

און איינמאָל, איך דערמאָן זיך,
איז זי אַריין אין טאָל;

און אויף אַ באַרג אַ הויכן
איז זי אַרויף אַמאָל.

כ'האָב אויך געזען, ווי זי איז
אַמאָל אין ים אַרײַן;
האָב איך געמיינט אויף זיכער,
איר הײַם מוז דאָרטן זײַן.

און איך האָב זיך געוואונדערט:
וואו קען זי וואוינען פאָרט,
אַז שטענדיק גייט זי שלאָפן
אין גאָר אַ נײַעם אָרט?

ד = אָ. שָׁכן.

צוויי טעפּ.

אַ לײמענער טאָפּ און אַ מעשענער טאָפּ זײַנען געשוואומען אויף אַ טײַך. אַ שטאַרקער רעגן האָט זיי ביידן אַראָפּגעשווענקט און אַראָפּגעטראָגן אין טײַך אַרײַן.

— שווים נאָענט לעבן מיר, — האָט דער מעשע־
נער טאָפּ געזאָגט צו זײַן ש כ ן דעם לײמענעם טאָפּ, —
וועל איך דיך באַשיצן.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, מײַן טײַערער ש כ ן! —
האָט דער לײמענער טאָפּ געענטפערט. — אָבער פאַר
דײַן נאָענטקײַט טאַקע שרעק איך זיך.

„ווען דו וועסט שווימען אַ ביסל ווײַטער פון מיר,
קאָן איך נאָך צושווימען ערגעץ צו אַ ברעג אַ גאַנצער.
ווען מיר וועלן אָבער זײַן צו נאָענט, בין איך זיכער, אַז
איך וועל דערפון ליידן“.

י. מרים. ב. בנימין.

ניט צעקריגט זיך.

אַמאָל איז געווען אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל
— ב נ י מ י ן און מ ר י ם. זײ האָבן צווישן זיך אַלע־
מאָל געלעבט גוט און האָבן זיך קײנמאָל נישט געקריגט.

אײנמאָל זאָגט ב נ י מ י ן צו זײַן שוועסטערל:
„איך האָב געהערט, מ ר י ם, אַז עס זײַנען פאַראַן קינ־
דער, וואָס קריגן זיך. לאָמיר זיך אויך אַ ביסעלע צע־
קריגן“.

— איך ווייס אָבער נישט, ווי מען טוט דאָס. — האָט מ ר י ם געענטפערט.

— וועל איך דיך אויסלערנען. — האָט ב נ י מ י ן געזאָגט. — איך וועל נעמען דאָס מעסערל, וואָס דער פאָטער האָט אונז ביידן געשענקט, און וועל זאָגן: „דאָס מעסערל איז מיינס“. זאָלסטו זאָגן: „ניין, דאָס מעסערל איז גאָר מיינס“. און אַזוי וועלן מיר זיך אָנהייבן צו קריגן.

ב נ י מ י ן האָט גענומען דאָס מעסערל און האָט אויסגעשריען: „זאָלסט וויסן, אַז דאָס מעסערל איז מיינס!“

מ ר י ם האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געענטפערט: „אויב עס איז דיינס, נעם זיך דיר עס“.

און דער ברודער מיט דער שוועסטער זיינען ווי־דער געבליבן לעבן גוט צווישן זיך ווי פריער.

ו = ו. ירוּשָלַיִם. זָקֵן.

לויט דעם פרעג דער ענטפער.

אַמאָל איז אַ מאַן געקומען קיין י ר ו ש ל י ם. באַ־געגנט ער דאָרט אַ אידיש קינד. גיט ער אים עטלאַכע גראָשן און זאָגט אים: „גיי ברענג מיר אייער און קעז“.

גייט דאָס קינד און ברענגט.

רופט זיך אָן צו אים דער מאַן: „זאָג נאָר מיר, אינ־
געלע, וועלכער קעז איז דאָ פון אַ ווײַסער ציג און וועלכער
— פון אַ שוואַרצער?“

דאָס קינד ענטפערט אים גלײַך אָפּ: „פּעטער, איר
זײַט אַ זָקֵן; טאָ זאָגט טאַקע איר, וועלכעס איי איז פון
אַ ווײַסער הון און וועלכעס פון אַ שוואַרצער?“

אַ קלוג קינד איז אַ צירונג פאַר די עלטערן.

.. = יי. שְׁכֵנִים.

דער הינקעדיקער.

איבער׳ן גאַס איז געגאַנגען אַ הינקעדיקער. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, און האָט אונטערגעהונקען.

עטלאַכע אינגלאַך זײַנען געגאַנגען הינטער אים. זיי האָבן זיך מיט אים גערייצט, געלאַכט פון אים און נאָכגעשריען אים נאַ־רישע ווערטער.

דער הינקעדיקער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז זיך שווײַגנדיק געגאַנגען ווײַטער. די קינדערשע ווערטער און געלעכטער האָבן אים, קענטיק, וויי געטאָן.

אַן אַלטער מאַן, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען און האָט דאָס געזען, האָט אָפּגעשטעלט די אינגלאַך און זיי געזאָגט:

— „שטייט נאָר אַ ווײַלע; איך וועל אײַך, אויב איר ווילט, דערציילן די געשיכטע פון אָט דעם הינקעדיקן. איך קען אים גוט, מיר זײַנען שְׁכֵנִים.

„דער הינקעדיקער איז געווען אַ שיינער שטאָלצער יונג. האָט
איינמאָל ביי אונז אין גאַס אויסגעבראָכן אַ פייער.

„אין איין הויז האָט מען איבערגעלאָזן אַ קליין קינד. די
מוטער האָט געשריען און געוויינט און געבעטן, מען זאָל ראַטעווען
איר אינגעלע. איר קינד איז געבליבן אויפ'ן צווייטן שטאָק, און
דאָס גאַנצע הויז איז שוין געווען אַרומגענומען פון פייער.

„נו, האָט אָט דער מאַן געכאַפּט אַ לייטער און איז אַריינגע-
קראָכן אין פייער אַריין. אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט ער אַראָפּ-
געלאָזן אויף אַ שטריק אַ קאָרב מיט'ן קינד, און אַליין האָט ער זיך
אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אויפ'ן לייטער. דער לייטער איז אָבער געווען
איבערגעברענט און האָט זיך איבערגעבראָכן. איז דער מאַן אַראָפּ-
געפאַלן פון דער הייך און צעבראָכן זיך אַ פוס. פון דעמאָלט אָן
הינקט ער. אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

„נו, און איצט לאָזט זיך ווידער לויפן נאָכ'ן הינקעדיקן, פי-
לייכט וועט איר נאָך אַביסל אַ לאַך טאָן פון אים?"

די קינדער האָבן אַראָפּגעלאָזן זייערע קעפּ און געשוויגן.
טרערן האָבן זיך ביי זיי געשטעלט אין די אויגן.

ח, *ח* = כ. חֵן. פָּנִים.

דער הירש.

אַ הירש איז אין איינעם שיינעם זומערטאָג געשטאַנען ביי אַ
טייכל. ער האָט געטרונקען דאָס וואַסער פון טייכל צו שטילן זיין
דאָרשט.

אין וואַסער האָט דער הירש דערזען זיין אָפּשפּיגלונג, זיין
בילד. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע, שטאַרקע הערנער איך האָב!
זיי האָבן זיך צעוואַקסן, ווי צווייגן פון אַ בוים. ווי איידל זיי הייבן

זיך איבער מײַן שטערן! וואָס פאַר אַ חן זײַ גיבן צו מײַן פּנים!

אָבער מײַנע פיס — ווי העסלאַך זײַ זײַנען! הויכע ווי דראָנגעז און דינע ווי שפּענדלאַך.

דער הירש האָט נאָך קײַן צײַט ניט געהאַט צו ענדיקן זײַנע רײד, ווי ער האָט דערהערט אַ שאַלן פון אַ האָרן און אַ בילן פון הינט. און באַלד האָט ער דערזען ניט ווײַט פון זיך עטלאַכע יעגער און אַ גאַנצע סטאַדע הינט.

דער הירש האָט זיך גלײַך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אַוועקגעלאָפן. און זײַנע לאַנגע, דינע פיס, וואָס ער האָט פאַראַכט און מיט וועלכע ער האָט זיך געשעמט, האָבן אים אַוועקגעטראָגן ווײַט פון זײַנע נאָכיאָגער.

אָבער ווען דער הירש איז אַרײַן אין וואַלד, האָט ער זיך פאַר-

פלאָנטערט מיט זײַנע פּראַכטפולע הערנער, װעלכע ער האָט אַזױ שטאַרק געליבט, אין די צװײַגן פון אַ שטרויך.

ער האָט װײַטער ניט געקאָנט לויפן. די יעגער האָבן אים אָנגעיאָגט, און די הינט האָבן אים געמאַכט דעם טויט.

ע. מָרחֶץ.

אויף דער לינקער זײַט.

שמערל איז געװען, ניט פאַר קײן אידן געדאַכט, אַ צעטראָגענער מענש. די װײַב זײַנע האָט מיט אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

מער פון אַלעמען פלעגט זי מיט אים האָבן צו טאָן אַלע פרײַטאָג װעגן דעם העמד. װי דער שטײגער איז בײַ אידן, פלעגט זי אים מיטגעבן אין מְ רְ חֶ ץ אַרײַן פרישע װעש. דערבײַ פלעגט זי אים אָנזאָגן, ער זאָל געדענקען איבערקערן דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט. און שמערל פלעגט אַלע מאָל פאַרגעסן און אָנטאָן דאָס העמד אויף דער לינקער זײַט.

אײנמאָל נעמט די װײַב און קערט איבער דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט, אײדער זי גיט שמערלען די װעש. דאַרף זיך גראָד דעמאָלט טרעפן, אַז שמערל דערמאָנט זיך אין מ ר ח ץ און קערט איבער דאָס העמד און טוט עס אָן.

ער קומט אַהײם, דערזעט די װײַב, אַז ער טראָגט װידער דאָס העמד אויף דער לינקער זײַט. הײבט זי זיך אָן צו װאָונדערן:

„סטײַטש, שמערל! איך האָב אַלײן מיט מײַנע הענט איבערגעקערט דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט, און דו טראָגסט עס אַלײן אויף דער לינקער זײַט?"

— דו האָסט אויך איבערגעקערט? — מאַכט שמערל פאַר-

וואונדערט. — אַ וואונדער, ווי איך בין אַ איד! דו האָסט איבער־געקערט און איך האָב איבערגעקערט, און דאָס העמד איז אַלץ אויף דער לינקער זײַט!...

כּ = ק. כּסדר.

דער זייגער.

אונזער זייגער האָט איין פוס,
און ער וואַרפט זיך הין און הער;
און די העלנטלאַך אויף זײַן פּ נ י ם,
פונקט ווי קליינגלאַך פון אַ שער,

זײַנען שפּיציק, קליין און דין.
האַלטן זיי זיך אויף אַ שרויף,
אַז מען קוקט ניט, רוקן זיי זיך
איינס אַראָפּ און איינס אַרויף.

און ער רעדט צו זיך אַליין,
קיינער ווייס דאָך ניט זײַן שפּראַך;
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק כּ ס ד ר
זאָגט ער אַלץ דיזעלבע זאַך.

קיינמאָל רופט ער זיך ניט אָפּ,
נאָר ער קלאַפּט אַלץ טאָג און נאַכט.
אַז די מאַמע וואָלט מיך לאָזן,
וואָלט איך אים צורעכט געמאַכט.

רֶבּ פִּנְחָס.

אַ פּאָר מאָס גערשטן.

אין דער שטאָט, וואו רֶבּ פִּנְחָס האָט געוואוינט, זײַנען אײנמאָל אַראָפּגעקומען פון דער פרעמד צוויי אָרימע מענשן. זיי האָבן דאָרטן געזוכט פּאַרדינסט. האָבן זיי אָפּגעלייגט ביי רבּ פּנחסן אַ פּאָר מאָס גערשטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט.

דערנאָך זײַנען די צוויי פרעמדע אַוועק פון דאָרטן, און זייער ביסל גערשטן איז פאַרבליבן בײַ רבּ פּנחסן. געדויערט אַביסעל צײַט, און יענע קומען ניט. נעמט רבּ פּנחס די גערשטן און פאַרזייט זיי.

אַז די גערשטן זײַנען אויפגעוואַקסן, האָט רבּ פּנחס זיי אָפּגעשניטן און אַרײַנגענומען אין שײַער. און אַזוי האָט ער געטאָן יאָר נאָך יאָר אויך מיט די נײַ אויפגעוואַקסענע גערשטן.

אין זיבן יאָר אַרום קומען צוריק די צוויי אָרימע לײַט אין דערזעלבער שטאָט. רבּ פּנחס האָט זיי באַלד דערקענט. פירט ער זיי צו צום שײַער, באַווײַזט זיי די גרויסע הויפנס מיט גערשטן און זאָגט זיי:

„דאָס, וואָס איר זעט, איז אינגאַנצן אײַערס. גייט, ברענגט קעמלען און איזלען און פאַרנעמט אײַער גוטס“.

היט זיך, זאָלסט ניט פאַרנעמען קיין פרעמדס!

אֶ. אַ. אָ. אִ. אֵ. אוּ. אֶפשֶׁר.

אין שטײַגל.

שטײט אַ בײמעלע אין וואַלד,
האָט דער בוים אַ צווײַגל;
כאַפּ איך דאָרט אַ פײגעלע,
זעץ עס אין אַ שטײַגל.

וואַרפט עס זיך, דאָס פײגעלע,
וואַרפט עס זיך און פלאַטערט;
אַמפּערט מיט די פליגעלאַך,
ביז עס ווערט פאַרמאַטערט.

דאָס אינגעלע:

— „פײגעלע, דו פײגעלע,
קענסט מיר א פ ש ר זאָגן,
וואָס זשע ליגסטו שטום אַזוי,
ביסט אַזוי דערשלאָגן?

פײגעלע, איך שטעל פאַר דיר
אַ טעפעלע צוקאָפּן
מיט צוקערוואַסער זיס, אַי זיס“.

דאָס פײגעלע:

„גיב מיר טוי אַ טראָפּן“...

דאָס אינגעלע:

„ווילסט עסן — ברענג איך קערנער דיר,
קערנער אויפ׳ן מעסטל.“ —

דאָס פײגעלע:

„ניין, כ׳וויל נאָר איין קערנדל,
איינעם — אין מיין נעסטל“...

דאָס אינגעלע:

„שיין איז דאָך דיין שטייגעלע,
כ׳וועל אים נאָך באַגילטן!“

דאָס פײגעלע:

„גיב בעסער מיר אַ צווייגעלע,
אין וועלדעלע, אין ווילדן“...

ו = וי. מוחל.

פאַרנייען אַ שטייסל.

אַ מאַן האָט געפונען אַ צעבראָכן שטייסל. ברענגט ער עס צו אַ שנײַדער און זאָגט: „פאַרניי מיר, זיי מוחל, אָט דאָס צעבראָכענע שטייסל.“

דער שנײַדער בייגט זיך אָן, הייבט אויף אַ הײפל זאַמד, דערלאַנגט עס דעם מאַן און זאָגט:

„אָך, מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן! נאָר פריער זיי אַזוי גוט און דריי אויס פון דעם זאַמד אַ פאָדים“.

יוֹסֶף.

אַיין פּאָר שיך.

דער לערער איז אַרײַן אין קלאַס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט מאַקסן.

— אָט ביסטו הײַנט געקומען אין שול, איז ניט געקומען דײַן ברודער יוסף. נעכטן איז יוסף געקומען, ביסטו ניט געווען. יעדעסמאָל בלײַבט אײנער פון אײַך אין דער הײם.

„איך גלויב ניט, אַז דאָס זאָל זײַן גוט. — האָט דער לערער ווײַטער געזאָגט. — און איך וואָלט וועלן, דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס איז די אורזאַך דערפון.“

— ניט איצט. — האָט מאַקס געענטפערט שטילערהײט, און זײַן פּנים איז אינגאַנצן רויט געוואָרן.

נאָכ׳ן לערנען איז מאַקס אַרײַן צום לערער אין צימער און האָט אים דערצײלט אַזוי:

„איך און מײַן ברודער יוסף האָבן בײדע נאָר אײן פּאָר שיך. די מאַמע אונזערע איז אָרים און קען אונז איצט ניט קויפן נאָך אַ פּאָר. מיר ווילן אָבער בײדע לערנען. טוען מיר דעריבער אַזוי: אײן טאָג טו איך אָן די שיך און גײ אין שול, בלײַבט יוסף אין דער הײם. אַ צווײטן טאָג טוט יוסף אָן די שיך און גײט אין שול, בלײַב איך אין דער הײם.“

עוֹ. עוּ. ע. עָ. עֵ. עְ. עֶ. עוֹלָם. אוֹצָר.

טײַערע שטײנער.

אַ רײַכער מאַן האָט זיך באַרימט פאַר לײַטן מיט זײַנע טײַערע שטײנער. באַזונדערס אָבער האָט ער זיך באַרימט מיט אַ גרויסן טײַערן דימענט, וואָס איז געווען אײַנגעפּאַסט אין זײַן רינג.

— זײַ אַזוי גוט! — האָט אײנער פֿונ׳ם ע ו ל ם געפֿרעגט בײַם רײַכן מאַן. — וואָס פֿאַר אַ נוצן האָסטו פֿון אָט דעם שטײן?

— נוצן? — האָט דער רײַכער איבערגעפֿרעגט. — וואָס פֿאַר אַ נוצן קאָן מען האָבן פֿון טײַערע שטײנער?

אויב אַזוי, קום צו מיר, וועל איך דיר ווײַזן אַ פּאָר טײַערע שטײנער, וואָס טראָגן מיר אַרײַן אַ ס ך געלט יעדעס יאָר.

און ער האָט אָנגענומען דעם רײַכן מאַן פֿאַר דער האַנט און געבראַכט אים צופֿירן אין זײַן מיל. ער האָט אים באַוויזן די מיל־שטײנער און געזאָגט:

— זעסט, אָט דאָס זײַנען מײַנע טײַערע שטײנער, דאָס איז מײַן א ו צ ר, וואָס טראָגט מיר אַרײַן גענוג צום לעבן אויף דעם גאַנצן יאָר.

ב = וו. חבֿרים. גנבֿ.

אויפֿ׳ן גנבֿ ברענט דאָס היטל.

קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאָרטן. פּלוצלונג כאַפּט זיך אײנס פֿון זײ — מען האָט בײַ אים אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ בײַטעלע מיט געלט. ער האָט אָנגעהויבן צו װײנען.

— וואָס וויינסטו? — האָבן אים די ח ב ר י ם געפֿרעגט.

— מען האָט בײַ מיר פֿון קעשענע אַרויסגענומען מײַן בײַטעלע מיט׳ן געלט.

— א פֿ ש ר האָסטו דאָס פֿאַרלאָרן?

— נײַן, איך האָב מיט אַ פּאָר מינוטן צוריק דאָס אַלײן געהאַלטן אין קעשענע.

אַלע קינדער האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם װײנענדן קינד און גענומען קלערן, װי געפינט מען אױס דעם ג נ ב.

פלוצלונג האָט אײנס פון די קינדער אױסגעשריען:

— זעט, אױפ׳ן ג נ ב ברענט דאָס היטל!

אײנער פון די אינגלאַך, װאָס איז געשטאַנען אַרום, האָט זיך גלײַך אַ כאַפּ געטאָן פאַר זײַן היטל. די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז דער ג נ ב. זײ האָבן אים אָנגענומען, אַרומגעזוכט און געפונען בײַ אים אין קעשענע דאָס בײַטעלע מיט׳ן געלט.

ה. — שכנה.

צװײ לעכער.

נאָכמיטאָג, בײַ אַן אַלטער פרױ אין הױז.

עס זיצן: אַן אַלטע פרױ, די באַלעבאָסטע, און אירע אַ ש כ נ ה.

בײדע טרינקען טײ.

די באַלעבאָסטע: איך האָב צװײ קעץ.

די שכנה: זײַנען די לעכער אין טיר פאַר די קעץ.

די באַלעבאָסטע: יע, די קעץ קומען אַרײַן און גײען אַרױס דורך די לעכער.

די שכנה: פאַרװאָס איז אײן לאָך אַזאַ גרױסע און די אַנדערע אַזאַ קלײנע?

ד י ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : ווײַל אײן קאָץ איז אַ גרויסע און די אַנדערע אַ קלײנע, אַ קעצעלע.

ד י ש כ נ ה : איז ניט גענוג אײן לאָך פֿאַר בײדע קעץ?

ד י ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : געװיס ניט! די גרויסע קאַץ קאָן ניט דורכקריכן דורך דער קלײנער לאָך.

ד י ש כ נ ה : יאָ, אָבער דאָס קלײנע קעצעלע קאָן דאָך דורכקריכן דורך דער גרויסער לאָך.

ד י ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : יאָ, טאַקע אַזוי! איך האָב זיך אויף דעם גאָר ניט געכאַפּט! האַ, האַ, האַ!

די ש כ נ ה און די באַלעבאָסטע לאַכן בײדע: האַ, האַ, האַ, האַ!...

ת, ת = ס. אֶמֶת. לְבָנָה. חַרְפָּה. בּוּשָׁה.

די זון, די לבנה און דער אמת.

די זון און די ל ב נ ה זײַנען געגאַנגען שפּאַצירן. דער א מ ת איז אויך צוגעשטאַנען צו זײ.

האָבן זײ אָפּגערעדט, אַז אַלץ, וואָס זײ וועלן געפֿינען אין וועג, זאָלן זײ צעטײלן צווישן זיך גלײַך אויף גלײַך.

אויפֿ׳ן וועג האָט יעדערער פֿון זײ געפֿונען צו דרײַ עפּל. האָט די זון פֿאַרלײקנט אײן עפּל און די ל ב נ ה צוויי; נאָר דער א מ ת האָט גאָרנישט ניט פֿאַרלײקנט.

בײַם טײלן האָט די זון זיך פֿאַרשעמט און איז רויט געוואָרן פֿאַר חֶ ר פּ ה, און די ל ב נ ה איז בלײך גע־

וואָרן פאַר ב ו ש ה. נאָר דער א מ ת איז געבליבן ריין און קלאָר ווי פּריער.

דער א מ ת קומט ארויף ווי בוימל אויפ'ן וואסער.

∴א. — מוֹרֶא, סוֹחֵר.

דער ס ו ח ר און דער מאַטראָס.

אַ ס ו ח ר האָט געפרעגט ביי אַ מאַטראָס: „מיט וואָס פאַר אַ טויט איז דיין פאָטער געשטאָרבן ?“

— ער האָט זיך דערטרונקען. — האָט דער מאַט־ראָס געענטפערט.

„און דיין זיידע ?“

— אויך דערטרונקען זיך.

„היינט ווי האָסטו קיין מ ו ר א ניט אומצופאָרן אויפ'ן ים ?“

דער מאַטראָס האָט אַ קלער געטאָן און פון זיין זייט געפרעגט: „און מיט וואָס פאַר אַ טויט איז דיין פאָטער געשטאָרבן ?“

— מיין פאָטער איז רואיק געשטאָרבן אויף זיין בעטל. — האָט דער ס ו ח ר געענטפערט.

„און דיין זיידע און עלטער־זיידע ?“

— אויך רואיק אויף זייערע בעטלאַך געשטאָרבן.

„אויב אַזוי, — האָט דער מאַטראָס געזאָגט, — ווי האָסטו קײַן מ ו ר א ניט יעדן טאָג צו לײגן זיך שלאָפן אויף דײַן בעטל ?“

װ. שלמה מודה.

דאָס בײנדל.

די מאַמע האָט געקויפט פלוימען. זי האָט געדענקט אויס־טײלן זײ די קינדער נאָך מיטאָג.

דער קלײנער ש ל מ ה האָט נאָך קײנמאָל ניט געגעסן קײן פלוימען. האָט זיך אים שטאַרק פאַרגוואָלט פאַרזוכן אײנע. און ווען קײנער איז ניט געווען אין שטוב, האָט ער זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, געכאַפּט אַ פלוים און אויפגעגעסן.

אײדער מען האָט זיך געזעצט עסן מיטאָג, האָט די מאַמע איבערגעצײלט די פלוימען, ערשט עס פעלט אײנע. האָט זי דאָס דערצײלט דעם טאַטן.

אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן. זאָגט דער טאַטע: „קינדער, זאָגט דעם אֱ מֶ ת : האָט ווער פון אײַך אויפגעגעסן אַ פלוים ?“

— נײן ! — האָבן אַלע גלײַך געענטפערט.

ש ל מ ה איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט גלײַך מיט אַלעמען : „נײן, איך האָב ניט געגעסן“.

— זײַט זיך מ ו ד ה, קינדער ! — האָט דער טאַטע ווידער געזאָגט. — אֶ פְ ש ר האָט ווער פון אײַך דאָך אויפגעגעסן אַ פלוים. מיך אַרט ניט די פלוים, איך האָב נאָר מ ו ר א, טאָמער האָט דער, וואָס האָט אויפגעגעסן די פלוים, אײַנגעשלונגען אויך דאָס בײנדל.

און דער וואָס שלינגט איַין אַ ביינדל פון אַ פלוים, קאָן אויף מאָרגן שטאַרבן.

ש ל מ ה איז בלייַך געוואָרן און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:
„איך האָב... דאָס ביינדעל אַרויסגעוואָרפן... דורכ'ן פענסטער"...

אַלע אַרום האָבן זיך צעלאַכט, און ש ל מ ה האָט אָנגעהויבן וויינען.

רפוּאָה.

בײַנאַכט.

לאָמיר גיין מיט שטילע טריט,
קיינער זאָל ניט הערן;
לאָמיר נישט דעם זיסן שלאָף
פון די מידע שטערן.

אַ פ ש ר טרוימט אַן אַלטער מאַן
וועגן יונגע יאָרן,
און ער איז אין טרוים אויף ס'ניי
יונג און שטאַרק געוואָרן.

אַ פ ש ר טרוימט אַן אָרים קינד
וועגן ברויט מיט פוטער,
און עס טוליעט זיך אין שלאָף
צו דער קראַנקער מוטער.

אַ פ ש ר טרוימט אַ קראַנקער מענש
פון געזונט און לעבן,

און עס קומט צו אים די נאַכט
אַ רְפוּאָה געבן.

ס'האָט דער שלאָף באַפרייט די לייט
פון דעם לעבנס שרעקן.
לאָמיר גייַן מיט שטילע טריט,
לאָמיר זיי נישט וועקן.

מַאכל = מייַכל.

אַ סך און ביליג.

איינער אַ מאַן איז געקומען קייַן ירושלים. באַגעגנט ער אַ אידיש קינד. גיט ער אים עטלאַכע גראָשן און זאָגט אים:

„גיי ברענג מיר אַזוינס, וואָס איך זאָל זיך דערמיט אָנעסן און זאַט ווערן, און נאָך איבערלאָזן און האָבן מיטצונעמען אין וועג אַרייַן.“

גייט דאָס קינד און ברענגט אים זאַלץ. קוקט אים אָן דער מאַן פאַרוואונדערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מַאכְל?

— איך האָב געבראַכט דאָס, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט. — ענטפערט דאָס קינד. — עס וועט דיר קלעקן אי צום עסן און זאַט ווערן, אי נאָך איבערצולאָזן און מיטצונעמען אין וועג אַרייַן.

ות, — נדבות, כּדי,

דער טויבער בעטלער.

אַן אָרימאַן איז אומגעגאַנגען איבער די הײַזער און געבעטלט. ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ טויבן, כּדי מען זאָל אים געבן גרעסערע נ ד ב ו ת.

אײנמאָל באַגעגנט אים אַ מאַן, וואָס האָט אים געקענט פון פריער. פרעגט ער אים:

— ווי לאַנג איז עס שוין, אַז דו ביסט טויב געוואָרן?

— שוין צוויי יאָר. — האָט דער בעטלער געענטפערט.

רחמנות, חלה,

דאָס אינגעלע און דאָס פֿייגעלע.

גענאַנגען איז אַ אינגעלע
אין פעלדער, צווישן זאַנגען,
און האָט אַ קלײנטשיק פֿייגעלע,
אַ שוועלבעלע געפאַנגען.

ד אָ ס פ ײ ג ע ל ע:

— באַפרײַ מיך, שײן, פֿײַן אינגעלע!
אוי, לאָז מיך, לאָז מיך פליען;
אין פעלדעלע, אין וועלדעלע,
צום נעסטעלע לאָז ציען.

דאָס אינגעלע:

— דו ביסט געפאַנגען, פייגעלע,
איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן;
איך מאַך פאַר דיר אַ שטייגעלע
מיט פעדערלאַך, מיט גראָזן,

מיט גרעזעלאַך, מיט בלימעלאַך.
וועסט מילך מיט חלה עסן.
די פעלדעלאַך, די וועלדעלאַך,
זיי מוזסטו דאָך פאַרגעסן.

דאָס פייגעלע:

— איך דאַרף ניט, שיין, פיין אינגעלע,
איך דאַרף קיין מילך מיט חלה,
קיין בלימעלאַך אין שטייגעלע,
נאָר פליען גלייך מיט אַלע!

— אוי, האָב רחמנות, אינגעלע,
איך האָב אַן אַלטע מאַמען.
אוי, ווייגען וועט די מאַמעשע,
אַז איך וועל זיך פאַרזאַמען.

רחמנות האָט דאָס אינגעלע
אויף טרערן פון אַ מאַמען:
— דו פלי זיך פריי, מיין פייגעלע,
און איך וועל אויך נישט זאַמען.

באַפרײַט די פֿייגעלאַך.

אַ מאַן איז אַמאָל געגאַנגען איבער דער גאַס. דערזעט ער, ווי אַ אינגל שטייט און האַלט אַ שטײַגל מיט פֿייגעלאַך. די פֿייגעלאַך זײַנען אומגעפלויגן איבער'ן שטײַגל, געשטופּט זייערע שנעבעלאַך דורך די דראָטן פון שטײַגל און געפּרואווט אַרויס אויף דער פרײַער וועלט; אָבער אומזיסט.

דער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט רַחֲמָנוּת געקוקט אויף די פֿייגעלאַך. דערנאָך האָט ער געפרעגט בײַם אינגל:

— וויפיל ווילסטו פאַר די פֿייגעלאַך?

— צו פופציק סענט אַ שטיק.

— און פאַר אַלע פֿייגעלאַך צוזאַמען?

דער אינגל האָט אַ ווײַלע געטראַכט, אַ רעכן געטאָן און געזאָגט:

— פינף דאָלער.

דער מאַן האָט אַרויסגענומען פינף דאָלער און געגעבן דעם אינגעלע. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס שטײַגל, גלײַך געעפנט דאָס טירעלע און געלאָזן אַלע פֿייגעלאַך אַרויספליען.

דער אינגל האָט זיך פאַרוואונדערט און אויסגעשריען: „וואָס האָט איר דאָס געטאָן? אַלע אײַערע פֿייגעלאַך זײַנען דאָך אַוועקגעפלויגן!“

— יאָ, איך האָב באַפרײַט די פֿייגעלאַך. —האָט דער מאַן געענטפערט. — איך ווייס און פאַרשטיי, וואָס דאָס הייסט — זײַן ניט פרײַ, ווײַל איך בין אַמאָל אַליין ניט פרײַ געווען. איך בין געווען געפאַנגען און פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע. איך האָב דעריבער באַשלאָסן ניט צו לאָזן זיצן אין טורמע קיינעם, וועמען איך קאָן נאָר באַפרײַען.

טָעוּת.

די גאַנז אויף איין פוס.

אמאָל איז אַ קינד געזעסן מיט זיין פאָטער ביים מיטאָג. מען האָט דערלאַנגט געבראָטן-פלייש מיט די פיסלאַך פון דער גאַנז.

דערווייל האָט זיך דער פאָטער פארקוקט. האָט דאָס קינד גענומען אַ פיסל און עס אויפגעגעסן.

דער פאָטער האָט זיך אומגעקוקט, זעט ער, אַז ס'איז דאָ נאָר איין פיסל. פרעגט ער דאָס קינד:

— דו האָסט אויפגעגעסן אַ פיסל?

— ניין, טאַטע, — ענטפערט דאָס קינד, — די גאַנז האָט גע־האַט נאָר איין פוס.

— איין פוס? האָסטו אַמאָל געזען אַ גאַנז מיט איין פוס?

— קום צום טייך, — זאָגט דאָס קינד, — וועל איך דיר ווייזן אַ סך גענז, וואָס האָבן נאָר איין פוס.

נאָכ'ן עסן איז דער פאָטער מיט'ן קינד געגאַנגען צום טייך, און דאָס קינד האָט דעם פאָטער געוויזן, ווי אַ גאַנז איז געשטאַנען אויף איין פוס. דער אַנדער פוס אירער האָט זיך ניט אַרויסגעזען.

— זעסטו, טאַטע! אָט איז אַ גאַנז מיט איין פוס.

— האָסט אַ ט ע ו ת. — האָט דער פאָטער געזאָגט און אַ טריב געטאָן די גאַנז. די גאַנז האָט אַראָפּגעלאָזן דעם אַנדער פוס.

— ע, — זאָגט דאָס קינד, — האָסט דאָך די גאַנז מיט דער האַנט אַ טריב געטאָן. ווען דו וואָלסט ביים טיש אויך אַ טריב געטאָן מיט דער האַנט, וואָלט ביי יענער גאַנז אויך געוואָרן צוויי פיסלאַך.

ש = ס. שׂכל. חָכמה. עֵצה. אופן.

אַ גוטע עֵצָה.

אַמאָל איז געווען אַ אינגל. זיין טאַטע־מאַמע זיינען געשטאָרבן, האָט אים זיינער אַ פעטער אויף אַ דאָרף צוגענומען צו זיך פאַר אַ פאַסטוך.

איינמאָל האָט דער פעטער געוואָלט אויספּרובירן דעם שׂכל פון זיין פּלימעניק, און ער האָט צו אים געזאָגט:

„נעם הונדערט שעפּסן, פיר זיי אויפ'ן מאַרק און פאַרקויף זיי פאַר אַ גוטן פּרייז. אָבער זע, אַז די שעפּסן זאָלן ביי דיר בלייבן גאַנץ, און דאָס געלט זאָלסטו אויך באַקומען ביז אַ פּעני."

איז דער אינגל שטאַרק טרויעריק געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי ער זאָל אויספירן זיין פעטערס באַפעל.

שטייט ער אַזוי אין מיטן פעלד און וויינט ביטער. קומט צו אים צו אַ מיידל און פרעגט אים, פאַרוואָס ער וויינט. דערציילט איר דער פאַסטוך זיין פאַרדראָס.

— דאָס איז גאָר אַ קנאַפּע חָכמה! — האָט די מיידל געזאָגט צום פאַסטוך. — גיי, דינג אַרבעטער, זיי זאָלן אָפּשערן די שעפּסן; און דו נעם די וואָל און פאַרקויף אויפ'ן מאַרק. אויף אַזאַ'ן אופן וועלן ביי דיר די שעפּסן בלייבן גאַנץ, און געלט וועסטו אויך האָבן.

מַשָׂא.

דער שוואַן, דער העכט און דער קרעפּס.

ווען איינִיקייט פעלט צווישן די חברים אויס,

דאַן וועט פון זייער אַרבעט קיין זאַך ניט אַרויס,
נאָר מאַטערניש און ערגער בלויז.

אַ קרעפּס, אַ העכט צוזאַמען מיט אַ שוואַן
גענומען האָבן זיך אַ וואָגן משא פירן,
און זיינען אַלע זאַלבאַדריט אַריין אין שפּאַן.
זייַ קריכן דאָרט פון הויט, — און פאָרט
דער וואָגן פּרוּאווט זיך גאָר פון אָרט ניט רירן.

ניט שווער וואָלט זיין פאַר זייַ די אַרבעט אויך;
צום הימל אָבער רייסט דער שוואַן זיך אין דער הייך,
דער קרעפּס קריכט אויף צוריק, אין וואַסער שלעפּט דער העכט...

ווער שולדיק איז פון זייַ און ווער גערעכט,
דאָס קאָן איך אייך ניט זאָגן.
נאָר אויף דעם זעלבן אָרט
שטייט דאָרט
נאָך איצטער אויך דער וואָגן...

דאָס פערד און דער אייזל.

אַ מאַן האָט געהאַט אַ פערד מיט אַן אייזל. איינמאָל האָט ער זיך געלאָזן אין וועג אַריין. ער האָט גענומען מיט זיך דאָס פערד און דעם אייזל. דאָס פערד האָט ער גע׳זשאַלעוועט; האָט ער עס געלאָזן גיין פריי: ער האָט אויף אים ניט אַרויפגעלייגט קיין שום משא. דערפאַר האָט ער אויפ׳ן אייזל אַרויפגעלייגט די גאַנצע משא, וואָס ער האָט געדאַרפט נעמען מיט זיך.

דער אייזל האָט אַ לענגערע צייט געשלעפּט די שווערע משא. ביסלאַכווייַז אָבער האָט ער אָנגעהויבן צושטייַן און פילן זיך שלעכט. האָט ער זיך געווענדט צום פערד און געזאָגט:

— פרײַנד! נעם אויף זיך אַ טײל פון מײַן לאַסט. עס איז צו שווער פאַר מיר אַלײן צו טראָגן זי. ווען דו וועסט נעמען אַ טײל, וועט מיר ווערן לײַכטער; איך וועל באַלד צוריק קומען צו זיך און וועל קענען גײן דעם גאַנצן וועג. וועסטו אָבער מיר ניט אַרויס־העלפן, וועל איך פאַלן אונטער דער שווערקײַט פון דער מַשׂא.

דאָס פערד אָבער האָט גראָב געענטפערט:

— גײ זיך דיר, נאַרישער אײזל, געזונטערהײט און לאָז מיך צורו.

דער אײזל האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ און זיך שטילערהײט אַוועקגעשלעפּט ווײַטער. אָבער די משא איז געווען צו שווער פאַר אים; ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז געפאַלן אויף דער ערד אַ טויטער.

איצט האָט דער באַלעבאָס פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט גוט און ניט קלוג באַהאַנדלט דעם אײזל. ער האָט אַראָפּגענומען די גאַנצע משא פון׳ם אײזל און אַרויפגעלײגט זי אויפ׳ן פערד. ער האָט אויך אָפּגעשונדן די פעל פון׳ם געפאַלענעם אײזל און אַרויפגעלײגט זי אויפ׳ן פערד.

און דעם פערד האָט שוין איצט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט פריער ניט אַרויסגעהאָלפן דעם אייזל, און ער האָט געזאָגט:

— וויי איז צו מיר פאַר מיין שלעכטסקייט! דערפאַר וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן מיין טייל, דאַרף איך איצט טראָגן די גאַנצע מ ש א און דערצו נאָך די פעל פונ'ם אייזל.

ת, ת = ט. תּיכּף. חדר. דאגה.

דער קליינער חדר־אינגל.

אַז איך בין אַ קליינינקער,
וואָס זשע גייט אייך אָן?
איז דעריבער נעמט איר מיך
ניט אַריין אין קאָן?

כ'גיי ווי איר אין חדר דאָך,
לערן פּונקט ווי איר!
וואָס זשע פּאַסט אייך עפּעס ניט
שפּילן זיך מיט מיר?

נאָר אַ ד א ג ה מיר! איך ווייס,
ווייס שוין, וואָס כ'וועל טאָן:
אָט, איר זעט, אין הימל דאָרט
קומען וואָלקנס אָן?

באַלד וועט נעמען רעגענען.
גיי איך מיר אַרויס,
שטעל אין רעגן זיך אַוועק
און ווער ת י כּ ף גרויס.

שָׁלוֹם. מִשְׁפָּחָה. קוֹדֶם־כֹּל.

די הינט און די װעלף.

הינט האָבן אַמאָל געהיט אַ טשערעדע שאָף. זיַי־נען געקומען צו זיי װעלף און האָבן פֿאַרפֿירט מיט זיי אַזאַ מין שמועס:

— „ברידער! מיר זיַינען דאָך פֿון איין מ ש פּ ח ה, װאָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן? לאָמיר בעסער מאַכן ש ל ו ם! גיט נאָר אַ טראַכט װעגן אײַער ביטערער לאַגע! איר זיַיט דאָך אומגליקלאַכע קנעכט: די באַ־לעבאַטים שלאָגן אײַך, בינדן אײַך אָן אַ קייט אויפֿ'ן האַלז, נייטן אײַך היטן זייערע שאָף...

„און װאָס באַקומט איר דערפֿאַר? מער װי אַ ביין װאַרפֿט מען אײַך ניט צו... אָט פֿאָלגט אונז, לאָזט אונז צו צו די שעפּסן, און מיר װעלן זיך שוין אַלע אָנעסן צו זאַט“...

די הינט האָבן זיך געלאָזן איבערריידן. די רויבער זיַינען אַריַין צו די שעפּסן. ק ו ד ם ־ כ ל אָבער האָבן זיי צעריסן די הינט.

פָּשׁוּט. בְּשָׁלוֹם.

אַ שאַרף אויג.

צוויי אידן זיַינען אַמאָל געפֿאַנגען געװאָרן. גייען זיי צוזאַמען מיט זייער פֿענגער אין װעג. הערט דער פֿענגער, װי זיי שמועסן צווישן זיך:

— אָט יענעם פערד, וואָס גייט דאָרט ווייט, ווייט פאָרויס, איז בלינד אויף איין אויג. עס איז אָנגעלאָדן מיט צוויי לאָגלען: איינער מיט ווייַן און איינער מיט בוימל.

פרעגט דער פענגער פאַרוואונדערט:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַזוי?

— גאַנץ פּ ש וּ ט; — ענטפערן די אידן; — זעסט דאָס גראָז פון ביידע זייַטן וועג? פון איין זייַט איז עס אָפּגעגעסן; די אַנדערע זייַט אָבער, וואָס דאָס פערד מיט זייַן בלינד אויג האָט ניט געזען, איז געבליבן ניט גערירט.

איצט קאָן מען באַמערקן דאָ אויפ׳ן זאַמד שפּורן פון טראָפּנס. אַ טייל טראָפּנס איז אייַנגעזאַפּט אין דער ערד: דאָס איז פון ווייַן. אַ טייל האַלט זיך פון אויבן: דאָס איז פון בוימל.

איז דער פענגער נאָכגעלאָפן נאָך דעם אָנגעלאָדענעם פערד. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אידן האָבן אַלץ פּינקטלאַך געטראָפן.

אַ פאַרוואונדערטער האָט דער פענגער געבראַכט די אידן צו זיך אַהיים. ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ מאָלצייַט און געלויבט זייער קלוגהייַט. נאָכדעם האָט ער זיי געשענקט שיינע זאַכן און אָפּגעלאָזט בְּ שָׁ ל וֹ ם אַהיים.

חָלוֹם.

אַ לעפל.

אַ אינגעלע איז איינמאָל געגאַנגען שלאָפן, האָט ער אונטערגעלייגט אונטער זייַן קישן אַ לעפל.

זייַן טאַטע האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער אים:

— וואָס טוסטו דאָס? צוליב וואָס לייגסטו זיך אַ לעפל צוקאָפּנס?

— נעכטן — האָט דער אינגל גענטפערט — האָב איך געזען אין חלום ווי ער אַ געשמאַק געקעכץ. איך האָב דאָס געוואָלט עסן, אָבער איך האָב ניט געהאַט ביי זיך קיין לעפל, מיט וואָס צו עסן. גרייט איך זיך איצט אָן אַ לעפל, טאָמער וועל איך היינט ווידער זען אין חלום אַזאַ געשמאַקע זאַך.

שיעור.

בלומען.

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן!
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן אַ ש י ע ו ר.
גייען מיר אַרומגענומען,
און באַקראַנצט מיט יונגע בלומען,
אין דעם בונטן ציר...

זינגען, שפרינגען מיר און טאַנצן,
און פון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין!
ווער באַקראַנצט וויל זיין פון בלומען,
זאָל צו אונז, צו אונז זאָל קומען,
קומען זאָל צוגיין!

מיר'ן אָפּגעבן אינגאַנצן,
און אין פעלדער ווייטער טאַנצן

לאָזן ווײַט זיך גײַן!
לאָזן גײַן זיך גיך, געשווינטער,
ווײַל מיר זײַנען אלע קינדער —
בלימעלאַך אלײַן!

אַפִּילוּ = אַפילע, כַּעֶם, כִּמעַט.

דער וואָלף און דאָס שעפּעלע.

אַ וואָלף האָט דערזען, ווי אַ שעפּעלע טרינקט וואַ־
סער בײַם טײַך. ער האָט דאָס שעפּעלע געוואָלט פאַר־
צוקן. גײט ער צו צו אים און זאָגט:

— פאַרוואָס פאַראומרײַניקסטו מיר דאָס וואַסער אין טײַך.

דאָס שעפּעלע האָט שטיל געענטפערט:

— איך פאַראומרײַניק ניט דאָס וואַסער; כ׳דיר עס קוים מיט די ליפּן אָן.

— און פאַרוואָס האָסטו פאַראַיאָרן זומער מײַן טאַטן געזידלט? — האָט דער וואָלף ווידער געפרעגט.

— כ׳בין נאָך פאַראַיאָרן זומער גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. — האָט זיך דאָס שעפּעלע פאַרענטפערט.

דער וואָלף איז אין כּעס געוואָרן און האָט אויסגערופן:

— וואָס וועל איך דאָ מיט דיר לאַנג שמועסן! כ׳האָב נאָך הײַנט קיין גאָרנישט ניט געהאַט אין מײַן מויל. איך בין הונגעריק און מוז דיך פאַרצוקן.



דער קרוג מיט מילך.

אַ פּאַרמערקע איז געגאַנגען אויפ׳ן וועג און געטראָגן אַ קרוג מילך אויפ׳ן קאָפּ.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער. איז די פּאַרמערקע זיך גע־
גאַנגען און האָט געטראַכט:

„איך וועל היינט פאַרקויפן די מילך. פאַר'ן געלט וועל איך
קויפן אייער. די צאָל אייער, וואָס איך וועל קענען קויפן, וועט זיין
ביז דריי הונדערט.

„אויף די אייער וועל איך אָוועקזעצן הינער. און זאָל אַפילו
אַ טייל פון די אייער קאַליע ווערן, וועל איך אַלץ האָבן וויניקסטנס
צוויי הונדערט פּופּציק הינדלאַך.

„די הינדלאַך וועל איך האָדעווען, ביז זיי וועלן אַלע ווערן
גרויס, און איך וועל זיי פאַרקויפן צו הויכע פּרייזן. פאַר'ן געלט,
וואָס איך וועל פאַר זיי אויסלייזן, וועל איך זיך קויפן אַ נייַ קלייד.
איך וועל קויפן אַ גרין קלייד, ווייל גרין קליידט מיר בעסער.

„אין דעם נייעם גרינעם קלייד וועל איך זיך אויספּוצן און וועל
גיין צו די שְׁכֵנִים אויף אַ טאַנץ־אָוונט. דאָרטן וועלן אַלע
צוקומען און בעטן מיך, איך זאָל מיט זיי טאַנצן. איך וועל זיך אָבער
לאָזן בעטן און שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף ניין."

דערביי איז די פּאַרמערקע אַזוי פאַרטאָן געווען אין איר פאַר־
שטעלונג, ווי זי וועט זיך לאָזן בעטן, אַז זי האָט פאַרגעסן, אַז זי טראָגט

אַ קרוג מילך אויפ'ן קאָפּ. זי האָט אַ טרײסל געטאָן דעם קאָפּ אויף „נײן".

דער קרוג מילך איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן. די מילך האָט זיך אויסגעגאָסן, און דאָס גאַנצע קומענדיקע גליק פון דער פאַרמערקע איז פאַרשוואונדן: זי איז געבליבן אָן אײער, אָן הינער און אָן אַ נײַ קלײד.

קרובים. שָׂעה. מַתָּנָה.

די קראָ.

אַ קראָ האָט אָנגעשטאָפּט אין עק אַ בינטל פּאַווע־פעדערן און איז אַוועק מיט פּאַוועס אויף שפּאַציר. עס האָט זיך איר געוואָלט אַז יעדערער פון אירע ק ר ו ֹ ב י ם זאָל זי באַוואונדערן און לויפן אויף

טשיקאַוועס זען, ווי זי פּראַנטעוועט מיט פּאַוועס, וואָס זײַנען אינ'ם גאַנצן וואַלד די שענסטע צירונג.

נאָר ס'איז נאָך ניט אַוועק קיין גאַנצע שעה אפילו, האָט אונזער שטאָלצע קראָ באַצאָלט גאַנץ טייער פאַר איר פירונג: די פּאַוועס האָבן זי צעפּיקט, די פעדערן צעפּליקט און זי געלאָזן הויל אין איינע פליעכעס.

קוים לעבעדיק פון זיי אַנטלאָפן האָט אונזער קראָ אַ מחנה קראָען אָנגעטראָפן און האָט געפּרוּווט מיט זיי צוריק זיך האַלטן נאָענט. נאָר דאָרט האָט מען די פליעכוואַטע ניט דערקענט. די קראָען האָבן זי געצופּט, געביסן און ביז דער לעצטער פעדער אויסגעריסן.

ערשט דאַמאָלסט האָט די קראָ פאַרשטאַנען, אַז זי איז פון די קראָען אָפּגעשטאַנען איז אָבער צו די פּאַוועס אויך ניט צוגעשטאַנען.

רֶבּ שִׁמְעֶון, תַּלְמִידִים, רֶבֶּי.

דער אײדלשטײן.

דער געלערנטער ר ב ש מ ע ו ן איז געווען אַן אָרימער מענש.

איינמאָל האָבן זיינע ת ל מ י ד י ם פאַר אים געקויפט אַן אייזל ביי אַן אַראַבער. געפינען זיי אויף דעם האַלז ביים אייזל אַ טייערן איידלשטיין.

רופן זיי אויס מיט פרייד:

„ר ב י! ביסט רייך געוואָרן!"

זאָגט ר ב ש מ ע ו ן: „ניין, קינדער! איך האָב געקויפט דעם אייזל, ניט דעם איידלשטיין."

און ער האָט באַלד אָפּגעשיקט דעם אײדלשטײן צוריק צום אַראַבער.

ווי וואָלט איר געטאָן, קינדער?

סוֹף = סאָף.

די בײמער און די האַק.

אַמאָל, ווען קײן האַק איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, האָבן די בײמער געלעבט זײער גליקלאַך און צופרידן. זײ האָבן פאַר קײנעם קײן מ ו ר א ניט געהאַט.

אָבער אײנמאָל איז אין וואַלד געקומען צו גײן אַ מענש מיט אַ האַק אין האַנט. די בײמער האָבן דערזען די האַק, זײנען זײ פאַרציטערט געוואָרן.

— „איצט איז געקומען אונזער ס ו ף. — האָבן זײ געזאָגט. — ער וועט אונז אַלעמען אויסהאַקן!“

אָבער דאָ האָט זיך אָפּגערופן צו זײ אײנער אַן אַלטער בוים:

„נאַראָנים וואָס איר זײט! אַז מיר וועלן ניט געבן דעם מענשן קײן הענטל פאַר דער האַק, האָבן מיר ניט וואָס מ ו ר א צו האָבן פאַר אים!“

קול.

אַ גרויסער פאַרדינער.

אַלע טאָג פאַרדין איך געלט.
אוי, ווי רײַך איך בין!
ווײַסטו, וויפיל איך פאַרדין?
פאַר'ן אָפּוואַשן די הענט
גיט די מאַמע מיר אַ סענט.
און אַז פּאַפּאַ זוכט זײַן הוט,
לויף איך שנעל און איך געפין;
גיט ער מיר דערפאַר אַ סענט.
און אַז איך בין זײַער גוט,
קריג איך נאָך אַ סענט פון מאַמען.
וויפיל קומט דאָס אויס צוזאַמען?

איך קאָן צײַלן ביז'ן צען.
וויפיל געלט האָב איך?
יאָ, פאַר לאָזן קאַמען זיך
קריג איך צוויי סענט מיט אַמאָל,
כ'זאָל ניט וויינען אויפ'ן ק ו ל.
כ'האָב פאַרגעסן: נאָך אַ סענט
פאַר'ן אָנטאָן זיך די שיך
און אַ פּעני, אַז איך זאָל
מער ניט שרײַבן אויף די ווענט.
איכ'ל גײן בײַ מאַמען פרעגן,
וויפיל איז איצט מײַן פאַרמעגן?

דאָס ליד פון דער פראָש.

געוועזן אַ פראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
מיט אַ שירצל אַ ווייסן פון פאָרנט פאַרשפרייט,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

איר קאַמער געפלאַסטערט מיט גרינעם אַאיר,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
פון שטראַלן די פענסטער, פון וואַסער די טיר,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

האָט געפינטלט די פראָש מיט די אייגעלאַך שמאָל,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
ווער האָט אַזאַ מאַנטל, און ווער אַזאַ קול,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

פון ברעג אינ׳ם טייך, און פון טייך אויפ׳ן ברעג,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
אַ זונג און אַ שפרונג, אַזוי גייען די טעג,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

ביז געקומען אַ בושל אַ הויכער צוגיין,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
די פיס ווי די שפענער, דער שנאָבל ווי שטיין,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

גענומען די פראָש מיט׳ן גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק,
און די קינדערלאַך זיינע אַ סעודה געגרייט,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק.

ו = וו. אַוְדאי.

דער פוקס און די פיש.

א פוקס איז אַמאָל געגאַנגען ביַים ברעג טיַיך. זעט ער — די פיש לויפן צעשראָקן אום אין טיַיך הין און הער.

פרעגט זיִי דער פוקס: „וואָס לויפט איר אַזוי אום? פאַר וועמען שרעקט איר זיך?“

ענטפערן אים די פיש: „מיר שרעקן זיך פאַר די נעצן, וואָס די מענשן פאַרשפּריַיטן צו כאַפּן אונז.“

זאָגט זיִי דער פוקס: „אויב אַזוי, וואָלט איר אַ פ ש ר גאָר געגאַנגען צו מיר אויף דער טריקעניש לעבן מיט מיר צוזאַמען, אַזוי ווי איַיערע עלטערן האָבן געלעבט מיט מיַינע?“

רופן זיך אָפּ די פיש: „מען זאָגט אויף דיר, פוקס, אַז דו ביסט די קליגסטע פון אַלע באַשעפענישן. איצט זעען מיר, אַז דו ביסט גאָר אַ גרויסער נאַר. אויב דאָ, אין דעם אָרט פון אונזער לעבן, האָבן מיר מ ו ר אַ, הייַנט אין דעם אָרט פון אונזער טויט דאַרפן מיר דאָך אַ ו ד א י און אַ וַ ד אַ י מ ו רָ א האָבן!“

לְסוֹף. עֵצָה. צַעַר. חֶדֶר. מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

דער אַלטער און דער טויט.

גייט אַן אַלטיטשקער, אין דריַיען איַינגעבויגן, און טראָגט אַ פּאַק אַ גרויסן אויפ׳ן פּלייצע; עס מישט אין קאָפּ, עס שווינדלט אין די אויגן, נאָר שלעפּן מוז מען, ס׳העלפט ניט קיין שום ע צ ה. טיף קרעבעצט ער אונטער זיַין צו שווערער מַשָׂא. פון שוויַיס איז שוין זיַין העמד אַ נאַסע. ל ס ו ף שטעלט ער זיך אָפּ אין וועג, ער ליִיגט

דעם פאַק אויף דר'ערד אַוועק און זעצט זיך צו, פאַרטיפט אין צער און טרויער.

— געוואַלד, צו וואָס ווערט גאָר דער אָרימאַן געבאָרן, אַז שוואַרץ און פינסטער זיינען זיינע יאָרן... דער ביסן ברויט קומט אָן מיט טויט; אין שטיבל פינסטער, שמוציק, ענג; די קינדער ליידן אַלע קרענק.

און קרעכצנדיק און שילטנדיק זיין נויט, רופט ער אויף זיך דעם טויט.

דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת פאַרשטייט ניט קיין קאַטאַוועס. ער קומט אַראָפּ צום אַלטן און פרעגט אים מיט אַ טאָן אַ קאַלטן: „וואָס רופסטו, מענטש, מיך, לאָז מיך הערן!" דערזעען דעם טויט ביי זיך גאָר ביי דער זייט, ווערט יענער בלאַס ווי קרייט, און זאָגט: „אָך, יאָ, העלף אונטערטראָגן מיר דעם פאַק דעם שווערן!"

חַ = אַךְ. רֵיחַ.

צוליב דער רויז.

אַ מאַן האָט געהאַט אַ גאָרטן, פאַרפלאַנצט מיט אַלערליי פרוכטבוימער: עפּל, באַרן, פלוימען, קאַרשן, מאַנדלען, פייגן און ווינשטאָקן. האָט ער איבערגעגעבן דעם גאָרטן צו איינעם, יענער זאָל דעם גאָרטן באַאַר־בעטן און אָפּהיטן.

אין אַ צייט אַרום קומט דער מאַן צוריק — זען, וואָס עס טוט זיך אין זיין גאָרטן. געפינט ער אים אינגאַנצן ווילד, ניט באַאַרבעט און פאַרוואַקסן מיט שטעכלקעס

אין דערנער. הײסט ער ברענגען אַרבעטער און אויס־
האַקן דעם גאַנצן גאָרטן.

פּלוצלונג דערזעט ער צווישן די דערנער אַ שײנע
פרישע רויז. גיט ער זי אַ שמעק און דערקוויקט זיך מיט
איר זיסן ריח.

רופט ער אויס:

— צוליב אָט דער רויז זאָל געראַטעוועט ווערן און
בלײַבן דער גאַנצער גאָרטן!

ים׳ען.

דאָס שיפעלע.

ברעטלאַך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זײ צוזאַמען,
מאַך איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָרן איבער ים׳ען.

לאָז איך זיך אין וועג אַרײַן,
אין וועג אַרײַן אין ווײַטן;
שפּרײט איך מיר אַ זעגל אויס,
אַ לאַנגן און אַ ברײטן.

שפּרײט איך מיר אַ זעגל אויס,
בלאָזט אַ ווינט אַ לינדער.
ווינט, דו ווינט, מײַן שיפל טראָג,
טראָג עס נאָר געשווינטער!

מִיאָוסְן.

אין דרויסן.

מײַן מאַמע דערקענט,
ווען דער וועטער איז שלעכט,
און לאָזט מיך אין דרויסן ניט שפּילן.
זי זאָגט, אַז אין רעגן,
אין ווינט און אין קעלט
קען מען זיך דרויסן פאַרקילן.

די בײמער אין דרויסן
פאַרקילן זיך ניט,
זײ קריגן נאָך גרינערע בלעטער;
און איך האָב ליב זען,
ווי דער ווינט טאַנצט אין גאַס,
כ׳זע ניט קײן מ י א ו ס ן וועטער.

כֵּלי=קײלע. עִיקָר. רֶבּ יהוֹשֻעַ בֶּן חֲנַנְיָה, גזֵרוֹת, מִיאָוס. כֵּלִים. חָכמָה,

ניט די כּלי איז דער עִיקָר.

ר ב י ה ו ש ע דער זון פון ח נ נ י ה איז געווען זײער אַ קלוּ־ גער מאַן. אָבער ער איז געווען זײער אַ מ י אָ ו ס׳ער.

איינמאָל איז ר ב י ה ו ש ע געפאָרן אין דער שטאָט רוים: ער האָט געדאַרפט בעטן דעם רוימישן קייסער, יענער זאָל אָפּרופן די שווערע ג ז ר ו ת אויף די אידן.

ווען ר ב י ה ו ש ע איז געווען אין דעם קייסערס פּאַלאַץ, האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט דעם קייסערס טאָכטער. זי האָט מיט אים געשמועסט און זיך געוואונדערט, וואָס פאַר אַ קלוגער מענש ער איז. אָבער זי האָט אויך באַמערקט, ווי מ י א ו ס ער איז, און זי האָט אים געפרעגט:

— ווי שיקט זיך דאָס: אַזעלכע שיינע ח כ מ ה אין אַזאַ מ י א ו ס'ער כּ ל י?

ר ב י ה ו ש ע האָט איר אויף דעם ניט געענטפערט, נאָר ער האָט ביי איר געפרעגט:

— זאָג מיר, אין וואָס האַלט דיין פאָטער זיין וויין?

— אין ליימענע קרוגן, — האָט דעם קייסערס טאָכטער געענטפערט.

— פאַר וואָס עפּעס אין אַזעלכע איינפאַכע מ י א ו ס'ע כּ ל י ם? — האָט ר ב י ה ו ש ע מיט אַ שמייכל געפרעגט. — האָט דיין פאָטער ניט קיין זילבערנע און קיין גאָלדענע כ ל י ם?

דעם קייסערס טאָכטער האָט זיך באַמערקט אָט די פראַגע און האָט שפּעטער געהייסן איבערגיסן דעם וויין אין זילבערנע און גאָלדענע כ ל י ם. אָבער אין אַ קורצער צייט איז דער וויין זויער געוואָרן. דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט באַטייט ר ב י ה ו ש ע'ס פראַגע; זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף איר פראַגע.

און פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך געהיט און ניט דערמאָנט מער דעם קלוגן מאַן וועגן זיין מ י א ו ס'ן אויסזען.

רֶבֶּ'ן׳ מִידוֹת׳ בְּהֵמֶה'לע.

דער וואָלף לערנט.



מען האָט געבראַכט דעם וואָלף צו אַ ר ב י׳ן, ער זאָל אים אויסלערנען גוטע מ י ד ו ת, כּ ד י ער זאָל מער ניט זיין אַזוי שלעכט.

אַז דער וואָלף איז אַרײַנגעקומען, האָט אים דער ר ב י געזאָגט: „אַז דו קומסט ערגעץ־וואו אַרײַן, זאָג מיט אַ מילדן בליק: „גוט מאָרגן!"

האָט דער וואָלף נאָכגעזאָגט: „דערשטיקט און דערוואָרגן!"

האָט אים דער ר ב י געזאָגט: „זײַ מיט אַ ריין געוויסן און גוט".

האָט דער וואָלף נאָכגעזאָגט: „פאַרגיסן בלוט!"

האָט דער ר ב י געזאָגט: „אויף אַ ב ה מ ה'לע זאָלסטו זיך ניט פאַרקוקן“.

האָט דער וואָלף נאָכגעזאָגט: „אַ ב ה מ ה'לע פאַרצוקן!“

האָט דער ר ב י געזאָגט: „פון היינט אָן קויף דיר אין געוועלבל אַ זעמל“.

האָט דער וואָלף געזאָגט: „אַ קעלבל, אַ לעמל“...

אַזוי האָבן זיי געלערנט. דער ר ב י האָט געזאָגט זיינס און דער וואָלף האָט נאָכגעזאָגט — זיינס.

פְּשׁוּט. טַעֲנוֹת. סִימָן. אֱמֶת'ער.

אַ קלוגער מִשְׁפָּט.

אַ רייכער מאַן, אַ הענדלער, האָט פאַרלאָרן אַ בייטעלע מיט געלט. האָט ער געלאָזט אויסרופן, אַז אין בייטעלע איז געווען צוויי טויזנט דאָלער. און ער האָט פאַרשפּראָכן צו געבן אַ העלפט פון'ם געלט דעם, וואָס וועט דאָס בייטעלע מיט'ן געלט געפינען און עס אים צוריקקערן.

אַן אָרימער אַרבעטער האָט געפונען דאָס געלט, און ער האָט עס אָפּגעטראָגן צום רייכן הענדלער.

דעם הענדלער איז אָבער שווער געווען צו שיידן זיך מיט די פאַרשפּראָכענע טויזנט דאָלער. האָט ער אויסגעטראַכט, אַז אין בייטעלע איז אויסער די צוויי טויזנט דאָלער נאָך געווען אַ דימענט.

„וועסטו מיר אָפּגעבן דעם דימענט, וועל איך דיר אָפּגעבן די טויזנט דאָלער“. — האָט ער געזאָגט צום אַרבעטער.

דעם אַרבעטער האָט ניט אַזוי פיל פאַרדראָסן די טויזנט דאָ-

לער, ווי דאָס, וואָס דער הענדלער האַלט אים פאַר ניט קיין ערלאַכן מענשן, פ ש ו ט פאַר אַ ג נ ב. האָט ער גערופן דעם הענדלער צום ריכטער.

דער ריכטער האָט אויסגעהערט ביידנס ט ע נ ו ת, האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

„דו, הענדלער, זאָגסט, אַז אין דיין בייטעלע איז אויסער די צוויי טויזנט דאָלער נאָך געווען אַ דימענט. אַ ס י מ ן, אַז דאָס דאָזיקע בייטעלע איז ניט דיינס.

„זאָל עס ליגן ביים אַרבעטער, ביז עס וועט זיך אָפּזוכן זיין אֶמת'ע ר באַלעבאָס. און וועט ער זיך ניט אָפּזוכן, וועט דאָס בייטעלע מיט'ן גאַנצן געלט געהערן דעם אַרבעטער.

„און דו רוף ווידער אויס און לאָז וויסן וועגן דיין פאַרלוסט. א פ ש ר וועט ווער עס איז געפינען דיין בייטעלע מיט די צוויי טויזנט דאָלער און מיט'ן דימענט און וועט עס דיר צוריקקערן."

צוגע'גנב'עט.

די פוסגייער און די האַק.

צוויי פוסגייער גייען איבער'ן וועג. ביי איין זייט וועג ליגט אין שטויב אַ האַק.

ערשטער פוסגייער (דערזעט די האַק, הייבט זי אויף, זאָגט): אָ, זע, וואָס איך האָב געפונען!

צווייטער פוסגייער: זאָג ניט „וואָס א י ך ה אָ ב געפונען", נאָר „וואָס מ י ר ה אָ ב ן געפונען."

ערשטער: הייבט זיך גאָר ניט אָן! איך האָב דער ערשטער דערזען די האַק און דער ערשטער זי אויפגעהויבן.

צווייטער: אויב דיר ווילט זיך שטאַרק, זאָל די האַק זיין דיינע; האַלט זיך מיט איר.

קומט אַן אַ סטאָליער. ער דערזעט די האַק בײַם ערשטן פוס־גייער. לויפט ער צו אים צו:

סטאָליער: אַך, דו ג נ ב איינער! אַט האָב איך דיך געכאַפּט! דו האָסט צוגעג'נ ב'עט מײַן האַק.

ערשטער פוסגייער (צום צווייטן): אַן אומגליק האָט אונז געטראָפן. מיר זײַנען פאַרפאַלן.

צווייטער פוסגייער: פאַרוואָס עפּעס „מיר“? זאָג: „איך בין פאַרפאַלן.“ דו האָסט מיר פריער ניט געוואָלט געבן קיין טייל אין דעם געפינס, פאַרוואָס ווילסטו, איך זאָל איצט נעמען אויף זיך אַ טייל פון דער געפאַר? האָב מיר אַ גוטן טאָג, טײַערער!

דער קלוגער פאַרמער.

בײַ אַ פאַרמער האָט מען בײַנאַכט אַרויסגעג'נ ב'עט זײַן פערד פון שטאַל. אין דער פרי שטייט ער אויף, זעט ער — זײַן פערד איז ניטאָ. ער האָט עס אַרומגעזוכט, וואו ער האָט נאָר געקענט, אָבער ער האָט עס ניט געפונען.

איז דער פאַרמער אַוועק אין אַ דערבײַיאיק שטעטל קויפן זיך אַן אַנדער פערד. ווען ער איז געקומען אויפ'ן פערד־מאַרק, האָט ער דערזען זײַן אייגן פערד, ווי עס שטייט צוגעבונדן צו אַ וואָגן. איז ער צוגעגאַנגען, האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד פאַר'ן צוים און אויסגערופן:

— דאָס איז מײַן פערד. נעכטן האָט מען עס בײַ מיר פון שטאַל אַרויסגעג'נ ב'עט.

אַרום האָט זיך אַרומגעקליבן אַ גאַנצע רעדל.

אָבער דער מאַן, וואָס האָט געהאַלטן דאָס פערד צום פאַרקויפן, האָט געענטפערט דעם פאַרמער גאַנץ געלאַסן:

— דו האָסט אַ ט ע ו ת, מײַן פֿרײַנד! דאָס פֿערד האָב איך שוין געקויפֿט מיט אַ יאָר צוריק. א פ ש ר איז עס ענלעך צו דײַן פֿערד און דערפֿאַר דערקענסטו, אַז עס איז דײַנס.

דער פֿאַרמער האָט גלײַך גענומען, אַרויפֿגעלייגט זײַנע הענט אויף די אויגן פֿון פֿערד און געזאָגט:

אויב דו האָסט דאָס פֿערד שוין אַ יאָר צײַט, זאָג מיר, אויף וואָסער אויג איז עס בלינד.

דער מאַן, וואָס איז געווען דער גַ נ ב, האָט נאָך קײַן צײַט נישט געהאַט צוצוקוקן זיך צום פֿערד. ער איז צעטומלט געוואָרן פֿון דער פֿראַגע; נאָר כְּ ד י צו טרעפֿן, האָט ער געזאָגט:

— אויף דעם לינקן אויג.

דער פֿאַרמער האָט אַראָפּגענומען זײַן האַנט פֿונ׳ם לינקן אויג פֿון פֿערד און געזאָגט: „דו האָסט שלעכט געטראָפֿן!“

— אָ, איך האָב פּ ש ו ט געמאַכט אַ ט ע ו ת, — האָט דער ג נ ב געזאָגט, — איך האָב געוואָלט זאָגן — אויפֿ׳ן רעכטן אויג, האָב איך געזאָגט — אויפֿ׳ן לינקן.

דער פֿאַרמער האָט אַראָפּגענומען זײַן האַנט פֿונ׳ם לינקן אויג פֿון פֿערד און האָט אויסגערופֿן: — איצט זעט מען, אַז דו ביסט דער ג נ ב. דאָס פֿערד איז אינגאַנצן נישט בלינד, איך האָב נאָר געוואָלט אַרײַנכאַפּן דיך, האָב איך דיר געשטעלט די פֿראַגע.

די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום, האָבן זיך פֿאַנאַנדער־געלאַכט.

דער פֿאַרמער האָט צוריק באַקומען זײַן פֿערד, און דעם ג נ ב האָט מען באַשטראָפֿט.

punished

חַנֶה׳לֶע. פאַר׳חָלֶומ׳ט.

חנה׳לע.

שטייען ביים טייכל פאַר׳חלומ׳ט
ביימער, באַגאָסן מיט שיין.
חנה׳ל׳ע זיצט לעבן טייכל,
קוקט אינ׳ם וואַסער אריין.

ערגעץ צעזינגט זיך אַ פויגל,
חנה׳לע חלומ׳ט און טראַכט.
נאָר אירע אייגעלאַך פינקלען,
שיינען ווי שטערן ביינאַכט.

חנה׳לע ווייס, אַז דער פויגל
זינגט דאָס זיין לידל פאַר איר, —
זיצט זי אַ שטילע ביים טייכל,
גיט זיך פון אָרט ניט אַ ריר.

לאַנג שוין דער פויגל אַנטשוויגן,
חנה׳לע הערט זיך נאָך איין...
דרימלט דאָס וואַסער אין טייכל,
דרימלען די ביימער אין שיין.

מֹשֶה׳לֶע. טַעם.

די זופּ.

משה׳לע איז געקומען אַהיים פון שול. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך געזעצט עסן. משה׳לע האָט אין שול

מיטגענומען עטלאַכע פענים, האָט ער געקויפט פאַר זײַן גוטע זאַכן און געגעסן. איצט האָט ער גאָר ניט קײַן אַפּעטיט. די מאַמע גיט אים פלײַש, די מאַמע גיט אים זופּ — מ ש ה ׳ ל ע וויל ניט פאַרזוכן א פ י ל ו.

— וואָס עסטו הײַנט גאָרנישט, מ ש ה ׳ ל ע? — פרעגט די מאַמע.

— ניט דאָס פלײַש, ניט די זופּ האָבן הײַנט קײַן שום טעם. — ענטפערט מ ש ה ׳ ל ע.

אין אָוונט האָט מ ש ה ׳ ל ע געבעטן עסן בײַ דער מאַמען. די מאַמע האָט אים דערלאַנגט דאָס פלײַש און די זופּ, וואָס ער האָט ניט געוואָלט עסן בײַטאָג.

מ ש ה ׳ ל ע האָט פאַרזוכט דאָס פלײַש און אויסגערופן: אָט דאָס, מאַמע, הייסט פלײַש!

נאָכדעם האָט ער גענומען עסן די זופּ און ווידער אויסגערופן:

— און אָט דאָס הייסט געשמאַקע זופּ!

און ער האָט מיט גרויס אַפּעטיט אויפגעגעסן אינגאַנצן.

די מאַמע איז געזעסן דערבײַ און האָט געשמייכלט.

— וואָס שמייכלסטו מאַמע? — האָט מ ש ה ׳ ל ע געפרעגט.

— דאָס לאַך איך פון דיר, מ ש ה ׳ ל ע! — האָט די מאַמע געענטפערט. — דאָס איז דאָך דאָסזעלבע פלײַש און דיזעלבע זופּ, וואָס דו האָסט אויף זײַ בײַטאָג געזאָגט, אַז זײַ האָבן ניט קײַן שום ט ע ם.

— טאַקע, מאַמע? הײַנט פאַרוואָס האָבן זײַ בײַטאָג קײַן שום ט ע ם ניט געהאַט?

— ווײַל דו ביסט געווען זאַט. — האָט די מאַמע געענטפערט. — איצט ביסטו הונגעריק, און דער הונגער מאַכט געשמאַק יעדע שפּײַז.

שלמה׳לע. רבֿקה׳ן. חלק.

ווי מען פרעגט, אַזוי ענטפערט מען.

איינמאָל פרײַטאָג האָט די מאַמע געזאָגט צו איר קלײנעם זון ש ל מ ה ׳ ל ע ן:

— כאַפּ זיך נאָר אַרײַן, מײַן קינד, אין קראָם און קויף מיר ליכט צום בענשן.

— עס שטעקן דאָך שוין ליכט אין די לײַכטער. — האָט ש ל מ ה ׳ ל ע געענטפערט זײַן מאַמען.

— דו ווייסט דאָך אָבער, מײַן קינד, — האָט די מאַמע געזאָגט, — אַז איך בענש אויף זעקס ליכט און איך האָב דערווײַל נאָר דרײַ.

— טאָ טו אַזוי, מאַמע: שטעל אַוועק די דרײַ ליכט בײַם שפּיגל, וועסטו האָבן זעקס. — אַזוי האָט ש ל מ ה ׳ ל ע געענטפערט און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

האָט די מאַמע געשיקט איר טאָכטערל, ר ב ק ה ׳ ן. די קלײנע ר ב ק ה איז געגאַנגען און האָט גלײַך געבראַכט ליכט פון קראָם!

אויף מאָרגן נאָכ׳ן עסן האָט די מאַמע געגעבן ר ב ק ה ׳ ן צוויי פײַנע פּערסיקעס. „און דיר — האָט די מאַמע געזאָגט צו איר קלײנעם זון — האָב איך אָנגעגרייט דײַן ח ל ק דאָרטן אויפ׳ן טישל, וואָס פאַר׳ן שפּיגל“.

ש ל מ ה ׳ ל ע איז צוגעגאַנגען צום טישל און איז באַלד געקומען צוריק אַן אומצופרידענער.

— דאָרטן איז דאָך דאָ נאָר איין פּערסיק. — האָט ער געזאָגט.

— ניט אײנער, נאָר צװײ. — האָט די מאַמע געזאָגט. זי איז צוגעגאַנגען צום טישל, האָט גענומען דעם פּערסיק און האָט אַרײַן און צוגעטראָגן אים צום שפּיגל.

— זעסט, — האָט זי געזאָגט, — אָט האָסטו צװײ פּערסיקעס: אײנעם אױפ'ן טיש און דעם צװײטן — אין שפּיגל.

אַלֶף־בֵּית, חַזֶר'ט.

דער לערער זשוק.

ס'האָט אַמאָל דער זשוק דער שװאַרצער
אין אַן העלן זומערטאָג
גאָר געמאַכט אַ גאַנצן ח ד ר
און געקנעלט ביז האַלבן טאָג.

און די בינען, און די שפּינען,
און די פליגן קלײנע און גרױס
זײַנען אױפגעקומען אַלע
לערנען זיך דעם א ל ף ־ ב י ת.

„א—אַלטער; ב—בוכהאַלטער;
ג—גלעזער; ד—דעק.
זומט ניט, בינען, גרילט ניט, גרילן!
זײַט שױן שטיל, אַ ס ו ף, אַן עק!

ה—אַ הינטל, װ—אַ װינטל;
ז—זײדל; כ—אַ כװאַט!
ח ז ר ' ט, ח ז ר ' ט גרױסע פױלערס!
ז—זײדל; כ—אַ כװאַט!"

אַט אַזוי זיך מיט׳ן טײַטל
מאַכנדיק אַהער אַהין,
קנעלט דער זשוק מיט אַלע פליגן,
מיט מוראַשקעס, בין און שפּין.

חוּש־הַשמִיעָה, ראִיָה.

דער גוטער חוּש-הַשמִיעָה.

— אַ אינגל האָט זיך באַרימט פאַר זײַנע חֲבֵרִים מיט זײַן שאַרפער רְאִיָה. אײנער פון די חברים האָט באַמערקט, אַז ער זעט אויך גוט. דאַן האָט אים דער ערשטער אָנגעוויזן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן שפּיץ פון קירכן־טורעם און געפרעגט:

— זעסטו די מויז, וואָס לויפט דאָרט אום אויפ׳ן שפּיץ?

—ניין, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — איך זע זי ניט, אָבער איך הער, ווי זי לויפט.

בָּחוּר.

דער קאָפּ און דאָס היטל.

דער מענש איז אין דער אֱמֶת׳ן אַ וואונדערבאַרע מאַשין.— האָט אײן פויער געזאָגט צום צווייטן. — אַלץ אין אים איז אויפ׳ן אָרט און אַלץ איז נייטיק: די הענט זײַנע טוען פאַרשיידענע אַרבעט; די פיס שטייען, גייען און לויפן; די נאָז אָטעמט; דאָס מויל עסט און רעדט; די ציין קײַען; דער האַלז שלינגט; די אויגן זעען; די אויערן הערן. אײן זאַך אָבער פאַרשטיי איך ניט: צו וואָס נוצט

דער קאָפּ? דער קאָפּ טוט דאָך גאָר קײַן אַרבעט ניט. אויף וואָס איז דער מענש באַשאַפן געוואָרן מיט אַ קאָפּ?

— נאָר אײַנער! — האָט אים דער צווייטער פויער געענטפערט. — וואָס וואונדערסטו זיך? דער מענש מוז דאָך האָבן אַ קאָפּ. ווען ניט — אויף וואָס וואָלט ער געטראָגן דאָס היטל?

רעטעניש.

1) וואָסער באַשעפעניש גייט אום אויף פיר פיס אינדערפרי, אויף צוויי — בײַטאָג און אויף דריי — פאַרנאַכט?

אֵבָרים. געַ׳טַעַנֶה׳ט. מחוּיֶב. שׁוֹמְרים. פאַר׳עַקְשׁנ׳ט. כַּעַס.

דער קריג פון די אֵבָרים.

די א ב ר י ם פון דעם מענשלאַכן קערפּער האָבן זיך אַמאָל צעקריגט און באַשלאָסן אויף ווײַטער ניט באַדינען אײַנער דעם צווייטן.

— מיר ווילן ניט אומגיין, — האָבן גע׳ט ע נ ה׳ט די פיס, — מיר ווילן אײַך אַלעמען ניט טראָגן אויף זיך; גייט אײַך אַליין!

— און מיר ווילן ניט אַרבעטן אויף אײַך, — זאָגן די הענט, — אַרבעט אַליין!

— און יואָס בין איך מ ח ו י ב געבן אײַך אַלעמען עסן? — האָט אונטערגעברומט דאָס מויל. — כ׳וויל ניט קײַען קײַן שפּייז פאַר׳ן מאָגן!

— און מיר זײַנען אײַך קײַן ש ו מ ר י ם ניט! — האָבן די אויגן מיט כ ע ס געזאָגט! — אַן עק, מער קוקן מיר ניט!

אַזוי האָבן זיך אַלע גלידער פאַר׳ע ק ש נ׳ט און אַנטזאָגט זיך צו טאָן יעדער זײַן אַרבעט.

— וואָס איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען? — אַלע גלידער זײַ־נען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דער גאַנצער קערפּער איז געוואָרן קראַנק.

דאָמאָלסט האָבן זײַ אַלע פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאַריש צו קריגן זיך און אַז מע דאַרף העלפן אײנער דעם אַנדערן. און יעדערער פון זײַ האָט זיך ווידער לעבעדיק גענומען צו זײַן אַרבעט, און זײַ זײַנען געזונט געוואָרן.

אין אײניקײט ליגט קראַפט.

רײַכקײַט.

אַ בחור האָט באַגעגנט זײַן אַלטן רבי'ן און האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף זײַן אָרימקײַט.

— צו ביסטו ווירקלאַך אַזוי אָרים? — האָט אים דער רבי געפרעגט. — פאַר וויפיל געלט וואָלסטו מיר פאַרקויפט דײַנע אויגן, וואָס זעען אַזוי שאַרף?

— פאַר קײן געלט ניט! — האָט דער בחור געענטפערט.

— נו, און די הענט דײַנע, וואָס אַרבעטן אַזוי געשיקט, פאַר וויפיל וואָלסטו זײ פאַרקויפט?

— איך וועל זײ ניט פאַרקויפן.

— און דײַנע אויערן, וואָס הערן אַזוי גוט? און די פיס, וואָס טראָגן דיך איבער דער ערד?

— איך וועל זײ פאַר קײן געלט אין דער וועלט נישט פאַר־קויפן.

— אויב אַזוי, — האָט דער רבי געזאָגט, — קלאָג זיך ניט, אַז דו ביסט אָרים. דו ביסט געזונט און ביסט שוין דערמיט אַלײן גענוג רײַך.

תְּלִיֶה, מַצִיל זיַין. מַתָּנוֹת. מוֹדֶה זיַין.

דער טויט און דאָס לעבן בײַ דער צונג און דער האַנט:

אַמאָל איז אַ קיניג זייער שטאַרק קראַנק געוואָרן. האָבן אים
די דאָקטוירים געזאָגט: „פֿאַראַן פֿאַר דיר נאָר איין רפואה —
לייבן־מילך.“

האָט דער קיניג געהייסן אויסרופֿן און פֿרעגן: „ווער וויל גיין
און ברענגען מיר מילך פֿון אַ לייבנטע?“

האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט געזאָגט: „גיט מיר צען
ציגן, וועל איך גיין און ברענגען מילך פֿון אַ לייבנטע.“

האָט מען אים געגעבן צען ציגן. איז ער מיט זיי אַוועק צו
אַ לייבן־גרוב, וואו אַ לייבנטע האָט זיך געשפּילט מיט אירע קליינע
לייבעלאַך.

דעם ערשטן טאָג האָט ער פֿון ווײַטן אַרײַנגעוואָרפֿן אין לייבן־
גרוב איין ציג. אויף מאָרגן האָט ער שוין פֿון נעענטער אַרײַנגע־
וואָרפֿן נאָך אַ ציג. און אַזוי פֿלעגט ער יעדן טאָג צוגיין אַלץ נעענטער
און אַרײַנוואַרפֿן אַ ציג.

די לייבנטע איז געווען דאַנקבאַר דעם מענשן פֿאַר זײַנע ציגן
און זי איז געוואָרן אַלץ מער צוגעלאָזן צו אים. און אויפֿ׳ן צענטן
טאָג האָט זיך דער מענש שוין געשפּילט מיט דער לייבנטע, און זי
האָט אים געלאָזן אָנמעלקן אַ ביסל מילך אירע. דער מענש האָט
גענומען די מילך און איז אַוועק צום קיניג.

אויפֿ׳ן וועג האָבן זיך די אֵבָרִים פֿונ׳ם מענשן גענומען
קריגן צווישן זיך: די פֿיס האָבן געזאָגט: „מיר זײַנען וויכטיקער
פֿאַר אַנדערע; ווען מיר וואָלטן ניט געגאַנגען, וואָלט דער מענש ניט
געקאָנט ברענגען די מילך.“

די הענט האָבן געזאָגט: „מיר זײַנען וויכטיקער; ווען ניט מיר, וואָלט דער מענש ניט געקאָנט אָנמעלקן די מילך."

די אויגן האָבן געזאָגט: „מיר זײַנען וויכטיקער פאַר אַלעמען; ווען ניט מיר, וואָלט ער ניט געזען וואוהין צו גייִן."

האָט די צונג געזאָגט: „וויכטיקער פאַר אַלעמען בין איך; ווען איך וואָלט ניט געזאָגט דעם קיניג וועגן די ציגן, וואָס וואָלט איר אַלע געטאָן?"

זײַנען אַלע אֵ ב ר י ם אין כַּ עַ ס געוואָרן אויף דער צונג און האָבן געזאָגט: „ווער, ווער — אָבער דו האָסט געמעגט שווײַגן און ניט פאַרגלײַכן זיך צו אונז. אינגאַנצן ביסטו אָן בייִנער און זיצסט שטענדיק אין דער פינסטערניש."

האָט די צונג געזאָגט: „איר וועט זען, אַז איך הערש איבער אײַך."

ווען דער מאַן איז געקומען צום קיניג, האָט ער געזאָגט: „נעם, אָט האָב איך דיר געבראַכט מילך פון אַ צויג; טרינק, וועסטו געזונט ווערן."

איז דער קיניג געוואָרן אין כּ ע ס אויפ'ן מאַן און געהייסן אויפהענגען אים. האָט מען דעם מאַן אַוועקגעפירט צו דער תּ ל י ה. זײַנען אַלע אֵ ב ר י ם פאַרציטערט געוואָרן.

זאָגט צו זיי די צונג: „איר זעט — דאָס האָב איך געמאַכט, איר זאָלט ציטערן. און איצט, ווען איר וועט מ ו ד ה זײַן, אַז איך בין וויכטיקער פאַר אײַך אַלעמען, וועל איך אײַך מ צ י ל „זײַן"

האָבן די א ב ר י ם מ ו ד ה געווען. באַלד האָט דער מאַן געזאָגט צו די זעלנער, וואָס האָבן אים געפירט צו דער תּ ל י ה: „פירט מיך צום קיניג, איך האָב אים עפּעס זייער וויכטיקס צו זאָגן." האָט מען אים געבראַכט צום קיניג. זאָגט ער:

„איך האָב געמאַכט אַ ט ע ו ת, מײַן האַר! ניט מילך פון אַ צויג, נאָר מילך פון אַ לייבנטע האָב איך געבראַכט. זאָל דער קיניג פּרואוון טרינקען, וועט ער זען".

האָט דער קיניג געטרונקען פון די מילך און איז געזונט געוואָרן. האָט ער באַפרייַט דעם מאַן, וואָס האָט געבראַכט די מילך, און געגעבן אים טייַערע מתנות און אים אָפּגעלאָזט בשלום.

דאַמאָלסט האָבן אַלע א ב ר י ם געזאָגט: „איצט זעען מיר, אַז דער טויט און דאָס לעבן איז אין דער האַנט פון דער צונג“.

תבואה, תבואות.

דער יאָרגרייַז.

דער יאָרגרייַז איז אַרוים אין פעלד און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרייסלען פון זייַנע אַרבל פויגלען אייינעם נאָכ'ן אַנדערן. יעדער פויגל האָט געהאַט פיר פליגלען, יעדער פליגל — זיבן פעדערן; יעדע פעדער איז אויף איין זייַט געווען העל, אויף דער אַנדערער — טונקל. יעדער פויגל האָט געהאַט אַ באַזונדערן נאָמען.

צוערשט האָט דער יאָרגרייַז אַרויסגעלאָזן אויף דער ערד אייינעם נאָכ'ן אַנדערן די פויגלען מיט די נעמען: ד ע צ ע מ ב ע ר, י אַ נ ו אַ ר און פ ע ב ר ו אַ ר. האָט אַ בלאָז געטאָן מיט קעלט אויף דער ערד. עס זייַנען פאַרפראָרן געוואָרן אַלע טייַכן; די ערד האָט זיך באַדעקט מיט שנײ. דער פראָסט האָט אָנגעהויבן אומשפּאַצירן איבער דער ערד און קנייַפּן די אויערן. די מענשן האָבן געזאָגט: „דער ו י נ ט ע ר איז געקומען“; האָבן זיך אָנגעטאָן אין וואַרימע מאַנטלען און גענומען הייצן די אויוונס אין די הייַזער.

דער יאָרגרייַז האָט נאָך אַ מאָל אַ טרייסל געטאָן מיט זייַן אַרבל און אַרויסגעלאָזט אייינעם נאָכ'ן אַנדערן די פויגלען: מ אַ ר ט, אַ פּ ר י ל און מ אַ י. איז געוואָרן וואַרימער. דער שנײ איז צעגאַנגען; די טייַכן האָבן זיך געעפנט; די ביימער האָבן זיך באַדעקט מיט גרינע בלעטער און די לאָנקעס מיט גראָז און מיט בלומען; און אויף די פעלדער האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. די מענשן האָבן געזאָגט:

„דער פּריליננג איז געקומען.“ זיי האָבן אויסגעטאָן די וואַרימע מאַנטלען, פאַנאַנדערגעעפנט די פענסטער און גענומען אָפּטער גייִן שפּאַצירן אין די פאַרקן.

צום דריטן מאָל האָט דער יאָרגרייַז אַ טרייסל געטאָן מיט׳ן אַרבל און אַרויסגעלאָזט אייִנעם נאָכ׳ן אַנדערן די פויגלען: יוני, יולי און אַווגוסט. איז געוואָרן הייס. אויף די פעלדער, אין די סעדער און אין די גערטענער האָבן אָנגעהויבן צייַטיק ווערן תּבואה און פרוכט. מען האָט זיך גענומען שנייַדן היי און אַראָפּנעמען פון די פעלדער די ווייץ, קאָרן און גערשטן. מענשן האָבן געזאָגט: „דער זומער איז געקומען.“ און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופאָרן פון די שטעט באָדן זיך.

און צום פערטן מאָל האָט דער יאָרגרייַז אַ טרייסל געטאָן מיט זייַן אַרבל און אַרויסגעלאָזט אייִנעם נאָכ׳ן אַנדערן די פויגלען: סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער. איז געוואָרן קילער. עס האָבן אָנגעהויבן צו גייִן אָפּטע רעגנס; דער הימל איז פאַרלייגט געוואָרן מיט וואָלקנס און די זון האָט זיך באַהאַלטן. די בלעטער אויף די ביימער זייַנען געל געוואָרן און אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן. די מענשן האָבן געזאָגט: „דער הערבסט איז געקומען.“ זיי האָבן זיך צוגעאייַלט אַראָפּצוקלייַבן פון די פעלדער און פון די גערטענער די איבערגעבליבענע תּבואות און פרוכט און גענומען צוגרייטן פאַר זיך וואַרימערע קליידער צום קאַלטן ווינטער, וואָס וועט קומען נאָכדעם.

אַזוי גייט סדר אום איבער דער ערד דער אַלטער, אַלטער יאָרגרייַז און ברענגט מיט זיך דעם קאַלטן ווינטער, און נאָכדעם דעם שיינעם וואַרימען פרילינג, און נאָך אים דעם הייסן זומער, און נאָכדעם דעם קילן רעגנדיקן הערבסט.

מחַיֶה, הַלְוואַי, חַיֶות.

פיר וואונשן.

עס איז געווען ווינטער. שלמה'לע האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געגליטשט אויפ'ן גאַס אויף גליטש־אײַזנס און אומגעפאָרן אויף אַ שליטעלע. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן. ער איז געקומען אַהײם, די באַקן רויט, אַ פריילאַכער און אַ צופרידענער, און האָט געזאָגט זײַן טאַטן: „סאַר אַ מחיה עס איז דאָס אַביסל דער ווינטער! הלוואי וואָלט אַ גאַנץ יאָר געווען ווינטער!“

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכל און פאַרשריבן שלמה'לעס ווערטער.

געקומען דער פרילינג. שלמה'לע איז אַוועק אין פאַרק, האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּילט אין באָל, געכאַפּט פערדעלאַך און זומערפייגעלאַך, אַנגעריסן שיינע, געלע בלימעלאַך און געבראַכט אַהײם. ער איז צוגעלאָפן צום טאַטן און געזאָגט: „סאַר אַ חיות עס איז דער פרילינג! איך וואָלט געוואָלט, עס זאָל כסדר זײַן פרילינג“.

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכל און ווידער פאַרשריבן שלמה'לעס ווערטער.

נאָכדעם איז אָנגעקומען דער זומער. שלמה'לע איז אַוועקגעפאָרן מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע אויסער'ן שטאָט. ער האָט געזען, ווי אַ פאַרמער שנײַדט היי, צעטרייסלט דאָס היי איבער'ן פעלד און טריקנט עס אויף דער זון. ער האָט זיך געקײַקלט אינ'ם היי און דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט דעם פאַרמערס קינדער אַוועק אין וואַלד און אָנגעקליבן רויטע יאַגעדעס. בײַנאַכט איז ער געקומען אַ צופרידענער און געזאָגט זײַן טאַטן: „ס'איז אַ פאַרגעניגן דער זומער! איך וואָלט געוואָלט, אַז דער זומער זאָל זיך ציען אָן אַ סוף“.

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען דאָס נאָטיץ־ביכל און פאַרשריבן אויך אָט די ווערטער שלמה'לעס.

נאָכ'ן זומער איז געקומען דער הערבסט. ש ל מ ה'לע פלעגט אַלע טאָג באַקומען פון זיַין מאַמען אַ גרויסן הענגל וויַינטרויבן, אַן עפּל און אַנדערע פּרוכט. ער איז געווען אויסער זיך פאַר פריַיד און האָט אַמאָל געזאָגט זיַין טאַטן: „דער הערבסט איז בעסער פון אַלע אַנדערע ציַיטן אין יאָר. ה ל וו א י וואָלט דאָס גאַנצע יאָר געווען הערבסט!"

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען זיַין נאָטיץ-ביכל און געוויזן ש ל מ ה'לען, אַז ער האָט דאָס זעלביקע געזאָגט אויך וועגן די אַנ-דערע ציַיטן פון יאָר. און ער האָט צוגעגעבן: „יעדע ציַיט פון יאָר האָט זיך אירע פריַידן".

ווינטער-אָוונט.

קאַלט און פראָסטיק איז אין דרויסן
און מיט שניִיען זיִיט דער ווינט;
„לאָמיר הייַנט אין שטוב פאַרבליַיבן
ביַי דעם פיַיער, מיַין ליב קינד!"

אָנגעצונדן איז דאָס פיַיער,
פלאַקערט עס, און פונקען פליען.
„ס'וועט צו אונז די נאַכט ווער קומען
וואַרעמען זיך ביַים קאַמין.

און דערציִילן וועט ער מ ע ש ו ת*)
אונז פון וויַיטן, קאַלטן נאָרד;
און אַנטקעגן רויטן פיַיער
בלאַנקען וועט זיַין וויַיסע באָרד...

---

*) ווי אויסצורעדן די העברויאיש-אידישע ווערטער, וואָס קומען אין דעם בוך פון דאַנען אָן, קאָן מען געפינען אינ'ם ווערטערביכל אויף דער זייט 137.

איך וועל קוילן אַלץ צושיטן —
זאָל נאָר שטיל און וואַרים זיַין,
וועלן מיר הערן זיַינע מעשׂות
און זיך וואַרעמען ביַים שיַין...“

*　　*

אין אַ וויַיסן מאַנטל האָט ווער
ביַי דעם פענסטער זיך געשטעלט;
קוקט אַריַין צו אונז אין צימער,
און ער ציטערט דאָרט פאַר קעלט.

— „גוטער, ליבער אומבאַקאַנטער!
קום צו אונז אין שטוב אַריַין;
אינ׳ם אויוון ברענט דאָס פיַיער —
קום, דערוואַרעם זיך ביַים שיַין.“

הערט ער מיך ניט און ער לאָזט זיך
אינ׳ם פראָסט גיין מיט׳ן ווינט...
הערט אַ סקריפּען זיך פון וויַיטן,
שטיל און שטילער און פאַרשווינדט.

דער פרילינג קומט.

דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט.
דאָס טיַיכל רוישט, דאָס טיַיכל ברומט.
די זון פון העלן הימל שיַינט.
איך האָב געזען שוין שוואַלבן היַינט,
די פרילינגס־געסט די ליבע געסט —
זיי פלעכטן שוין ביַי אונז אַ נעסט.

ווי פריילאך איז אין אלטן וואלד!
געביטן האט זיך זיין געשטאלט:
די צווייגן ציען זיך ארויף,
די ברוינע פלאנצן בליען אויף,
עס רוישט און שאלט און זינגט און ברומט:
דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט!

פרילינג=ליד.

עס ווארעמט זיך, עס פעסטשעט זיך
דאס גרינע אקער־פעלד.
עס שפראצט ארוים דאס קערנדל,
דערזעט די ליבע וועלט,

דערפילט די זון, די ליכטיקע,
דעם פרישן, פרייען ווינט,
עס ציט זיך צו דער הימל־שיין
און קוויקט זיך ווי א קינד.

גענוג געלעגן טיף אין דר'ערד,
פון ליכט און לעבן ווייט,
די גרויע טעג, די שווארצע נעכט,
די לאנגע ווינטער־צייט!

שפראצט אויף, איר זאנגען גאלדענע,
און פילט זיך אן מיט זאפט!
פארגים, פארפלייץ דאס פרייע פעלד,
א, יונגע, פרישע קראפט!

דער פרילינג גייט. ער בליצט, ער רוישט...
פארשוואונדן ווערן ווייט
די גרויע טעג, די שווארצע נעכט,
די לאנגע ווינטער-צייט.

א זומער-פרימארגן.

דורך א נעץ פון גרינע בלעטער
אויף די צווייגן אויפגעהאנגען,
קוקט אריין מיט טויזנט אויגן דער פרימארגן.
און מיט לאנגע, ווייכע פינגער
גלעט ער, פירט ער אויף די ברעמען,
ביז עס רירן זיך די דעקלאך שטיל, פארבארגן.

דורכ'ן לייב לויפט דורך א ציטער,
פול מיט ת ע נ ו ג שפרייט דאס הארץ זיך.
נעמען זיך די גלידער ציען און דערוואכן.
קוקט דער מארגן, שמייכלט רואיק:
סטייטש, ווי קען מען איצטער שלאפן
און דאס פענסטער מיט א לאדן גאר פארמאכן?

זומער אויף אַ פעלד.

אויף די זאַנגען רײַט אַ ווינטל,
בײַגט זײ אײַן און גלײַכט זײ אויס;
בלויז די בלויע בלומען־קעפּלאַך
שפּרינגען שטיפעריש אַרויס.

אויף די גרינע לאָנקעס שײַנען
ווײַסע פלעקן נאָגט און ווײַט:
סטאַיעס גענז און ווײַסע שעפסן.
קינדער רוען בײַ דער זײַט.

איבער אַלץ די זון אין הימל —
גאָטס געזאַלבטער זילבער־קאָפּ —
קוקט אַראָפּ און לאַכט מיט שטראַלן:
רוט זיך, קינדער, רוט זיך אָפּ!

ווען עס רעגנט.

עס רעגנט, רעגנט, רעגנט
פון אינדערפרי ביז נאַכט.
עס שטייען אין דער געגנט
די הײַזער צוגעמאַכט.

עס קומט צו אונז ניט קײנער
אין רעגנדיקע טעג,
און ס׳גײט פון אונז אויך קײנער
אין ערגעץ ניט אַוועק.

איך מוז אַלײן זיך שפּילן
אַ גאַנצן טאָג אין הויז.
איך זאָל זיך ניט פאַרקילן,
לאָזט „מאַ“ מיך ניט אַרויס.

און קוק איך, ווי עס רעגנט,
עס רעגנט גאַנצע טעג,
וואָלט איך פאַרלאָזט די געגנט
און ערגעץ ווײַט אַוועק,

וואו ס׳איז איצט שײן און וואַרים,
וואו יעדער גאָרטן גרינט,
און אין דער גאַס, אין ליאַרעם
נאָך שפּילט זיך יעדעס קינד.

די פיר צײַטן פון יאָר.

א

אײַז און פראָסט און שנײ צערינען,
פעלדער הײבן אָן צו גרינען,
בוים און בלום — צו שפּראָצן, בליען;
הימלען — בלויער; פײגל פליען

אהער צו אונז פון ווײַט —
ווי הײַסט די שײנע צײַט?

ב

צײַטיק ווערן גאָלדענע זאַנגען;
בוים און שטרויך מיט פרוכט באַהאַנגען:
עפּל, באַרן, קאַרשן, פלוימען...
לאַנדמאַן טוט די תּבֿואה רוימען
פון פעלדער נאָענט און ווײַט —
ווי הײַסט די ליבע צײַט?

ג

קירצער ווערן זונענשטראַלן,
בלומען וועלקן, בלעטער פאַלן,
טרויעריק רוישן קאַלטע ווינטן,
פײגל פרײלאַכע פאַרשווינדן,
זײ פליען אָפּ ווײַט, ווײַט —
ווי הײַסט די גרויע צײַט?

ד

אײַז און פראָסט און טיפע שנײען,
בײזע ווינטן וואָיען, ווײען;
גליטשיק איז דער טײַך — פאַרפראָרן,
גלײַך די וועלט וואָלט גײן פאַרלאָרן
אין שנײען טיף און ווײַט —
ווי הײַסט די קאַלטע צײַט?

און וואו בין איך?

א

מ נ ש ה האָט געהאַט אַ קורצן ז י כ ר ו ן. אין דער פרי, נאָכ'ן אויפשטיין, האָט ער אָנגעהויבן זוכן זײַנע קליידער. ער האָט ניט געדענקט, וואו ער האָט זיי נעכטן אַוועקגעלייגט. האָט זיי אים די מאַמע געפונען.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן זײַנע ביכער און העפטן. ער האָט געזוכט און געזוכט און ניט געפונען.

„אוי וויי!“ — האָט מ נ ש ה געוויינט און געשריען. — „ווער האָט גענומען מײַנע ביכער? ווער האָט גענומען מײַנע העפטן?“

— קורצער ז י כ ר ו ן! — האָט אים זײַן שוועסטער געזאָגט.

— דו האָסט זיי דאָך אַליין אויפ'ן פענצטער אַוועקגעלייגט.

זוכנדיק און וויינענדיק האָט מ נ ש ה דערווײַל פאַרשפּעטיקט אין שול, און דער לערער האָט זיך אויף אים דערפאַר אָנגעבייזערט.

און אַזוי פלעגט מ נ ש ה זייער אָפט פאַרשפּעטיקן אין שול.

ב

איינמאָל האָט זיך מ נ ש ה דערטראַכט, וואָס צו טאָן, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן. ער האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און פאַרשריבן: מײַנע קליידער זײַנען אויפ'ן שטול; די שיך — אונטער'ן שטול; די העפטן — אין בוך; די ביכער — אין רענצל; דאָס רענצל — אויפ'ן טיש; דער טיש איז אין קאַבינעט, און איך בין אין בעט. און דאָס צעטל האָט ער אונטערגעלייגט אונטער'ן קישן.

ווען ער האָט זיך אויף מאָרגן אויפגעכאַפּט, איז ער פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל, האָט אַרויסגענומען דאָס צעטל און גענומען קוקן, צי אַלץ איז אויפ'ן אָרט: די קליידער אויפ'ן שטול — פאַראַן; דאָס רענצל אויפ'ן טיש — פאַראַן; די ביכער אין רענצל —

פאַראַן; די העפטן אין בוך — פאַראַן; די שיך אונטער'ן שטול —
פאַראַן; דער טיש אין קאַבינעט — פאַראַן. און איך אין בעט?

מנשה האָט אויפגעהויבן די קאָלדרע, געטאַפּט, געזוכט און האָט דאָרט קיינעם ניט געפונען.

ער איז געשטאַנען פאַרוואונדערט און האָט געפרעגט: „און וואו בין איך?"

אַ קליינער לערער.

ביי שלמה'לען האָבן זיך אַמאָל צעריסן די שיך. זיין מאַמע האָט זיי אָפּגעגעבן אַ שוסטער פאַרריכטן. שלמה'לע האָט ניט געקאָנט גיין אין שול, און ער איז פאַרבליבן אין דער היים.

אַ ביסל צייט איז שלמה'לע געזעסן איבער אַ בוך און האָט געלייענט. אַ סך לייענען האָט ער אָבער קיין חשק ניט געהאַט. אים איז געוואָרן אומעטיק צו זיצן און לייענען. אין דרויסן איז געווען וואָלקנדיק, און עס האָט געקלאַפּט אַ רעגנדל. און דאָס האָט אים נאָך אומעטיקער געמאַכט.

שלמה'לע האָט גענומען זוכן אַרבעט, מיט וואָס צו פאַרנעמען די צייט. ער האָט געזוכט און געפונען: ער האָט גענומען

זײַן קלײנער שװעסטערל דבורה'לע און אָנגעהױבן לערנען זי דעם אלף־בית.

דבורה'לע איז געװען זײער אַ פלײַסיקע. זי האָט זיך צוגעהערט און געפאָלגט דעם ברודער. שלמה'לע האָט דאָס באַמערקט און איז געװען זײער צופרידן.

פון יענעם טאָג אָן האָט ער זי געלערנט אַ שעה אין טאָג. פאַר'ן װינטער האָט זי זיך אױסגעלערנט לײענען און שרײַבן. דבורה'לע איז אים זײער דאַנקבאַר געװען, און זי האָט אים אַלצדינג געפאָלגט. און זײ האָבן זיך אײנס דאָס אַנדערע נאָך מער ליב געקראָגן.

א הינטל אַלס עֵדות.

אַלע שילער זײַנען שוין געווען אין קלאַס, נאָר דער קלײנער מאָרים ניט. און ערשט אין אַ פערטל שעה נאָכדעם, ווי די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן, איז מאָרים געקומען.

— פאַרוואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט? — האָט אים דער לערער געפרעגט.

— איך בין געגאַנגען אין שול. — האָט מאָרים אָנגעהויבן מיט אַ געוויין. — האָבן מיר אַ הינטעלע, איז דאָס הינטעלע נאָכגעלאָפן נאָך מיר. האָב איך זיך אומגעקערט און אָפּגעפירט דאָס הינטעלע אַהיים. האָב איך פאַרשפּעטיקט.

— האָט דיך, הייסט דאָס, דאָס הינטעלע ניט געלאָזן גיין אין שול? — האָט דער לערער געזאָגט. — עס גלויבט זיך מיר קוים. זאָג אָקאָרשט, צי איז דאָס הינטעלע ניט מער ווי אַן אויסרייד? דו וועסט הײַנט דערפאַר פאַרבלײַבן אויף אַ פערטל שעה נאָך דער לעקציע.

מאָרים האָט זיך פאַרשעמט און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. ער איז אַלע מאָל געווען אַן אֶמת'ער מאַן. ער האָט קיינמאָל קײַן ליגן ניט געזאָגט. און אויך דאָס מאָל האָט ער קײַן ליגן ניט געזאָגט, נאָר דעם לערער האָט זיך זײַן מעשׂה ניט געגלויבט. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זיך מאָרים אַוועקגעזעצט אויף זײַן פּלאַץ.

עס זײַנען ניט אַוועק קײַן פינף מינוט, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ קראַץ אין טיר. דער לערער האָט געעפנט די טיר, און עס איז אַרײַנגעלאָפן אַ קליין, שיין הינטעלע. עס איז צוגעלאָפן גלײַך צו מאָריסן, אַרויפגעשפּרונגען צו אים אויפ'ן באַנק און גענומען לעקן אים די הענט.

אַזוי ווי דאָס הינטעלע וואָלט געפילט, אַז זײַן פרײַנד איז אין

א צָרָה, איז עס געקומען צו לויפן עֵדוּת זאָגן, אַז זײַן פרײַנד האָט ניט געזאָגט קײַן ליגן.

דאָס אָנקומען פונ׳ם הינטעלע האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצן טומל אין קלאַס. דער לערער אַלײן האָט זיך אויך פאַרוואונדערט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאָריס האָט געזאָגט דעם אֶמֶת. ער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט געזאָגט:

„אַנטשולדיק מיך, וואָס איך האָב דיך אומזיסט חוֹשֵד געווען אין אַ ליגן זאָגן. דײַן הינטעלע איז געקומען עדות זאָגן, אַז דו האָסט געזאָגט דעם אמת. אַנטשולדיק מיך, וואָס איך האָב דיך פאַרשעמט.“

מיטגעפיל.

אַ נײַער חבֿר.

אין מיטן לערנען איז אין קלאַס אויפגעשטאַנען פון אָרט אַ שילער און האָט געזאָגט צום לערער:

— לערער, אין פענסטער קוקט אַרײַן אַ אינגעלע.

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער, און אין דער־זעלבער, הרגע האָט זיך באַוויזן דער פּנים פון׳ם אינגל, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט פון דרויסן. זײַערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און דעם אינגלס פּנים איז גלײַך פאַרשוואונדן געוואָרן פון פענסטער.

נאָך דער לעקציע זײַנען די קינדער אַרויס אין הויף זיך שפּילן און דער לערער אויך מיט זײ. האָבן זײ ווידער דערזען דעמזעלביקן אינגל. איצט איז ער שוין געשטאַנען אויפ׳ן גאַס און האָט געקוקט דורך די שפּאַלטן פון פּאַרקאַן. דאָס איז געווען אַ שײנער אינגל, מיט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, נאָר אין אַלטע בגדים. דער לערער האָט זיך געלאָזן גײן צו אים, האָט זיך דער אינגל אָפּגעקערט און געוואָלט אַנטלויפן. האָט דער לערער צו אים געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, אינגעלע! קום אַהער! דו לערנסט שוין ערגעץ וואו?

— נײן! — האָט דער אינגל שעמעוודיק געענטפערט.

— טאַטע־מאַמען האָסטו?

— דער טאַטע איז געשטאָרבן.

— און וואָס טוט די מאַמע?

— מײַן מאַמע אַרבעט.

— און דו ווילסט זיך לערנען?

— געוויס, אַזוי איז ניט גוט. איך גײ אַרום פּוסט־און־פּאַס.

—האָט דער אינגל געזאָגט און איז רויט געוואָרן.

— אויב אַזוי, — האָט דער לערער געזאָגט, — גײ זאָג דײַן מאַמען, זי זאָל דיר געבן געלט אויף ביכער און העפטן, וועסטו קומען זיך לערנען בײַ אונז.

אויף דעם אינגלס פּנים האָט זיך אויף אַ מינוט באַוויזן אַ צופרידנהייט, נאָר באַלד האָט ער ווידער די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— מיין שוועסטערל איז איצט קראַנק, גיט די מאַמע אויס איר גאַנצן פאַרדינסט אויף איר. מיין מאַמע האָט קיין געלט ניט.

— וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אים? — האָט זיך דער לערער געווענדט צו די שילער, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען.

איז צוגעגאַנגען זלמן, דער גרעסטער שילער און געזאָגט:

— לערער, מיר וועלן אים קויפן ביכער און העפטן.

— ס'איז אַ גוטער איינפאַל, — האָט איינגעשטימט דער לערער.

— קינדער, ווער פון אייך האָט געלט? — האָט זלמן געפרעגט ביי די שילער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום.

אַלע קינדער האָבן אָנגעהויבן שטעקן די הענט אין די קעשענעס און געגעבן וויפיל ווער עס האָט געהאַט: ווער אַ פּעני, ווער צוויי אָדער מער. באַלד האָט שוין זלמן געהאַט אַ פולן הויפן מיט געלט. דער לערער האָט איבערגעציילט דאָס געלט, דערלייגט, וויפיל עס האָט געפעלט און געזאָגט:

— דו, זלמן, ביסט געפאַלן אויף דעם קלוגן איינפאַל, טאָ גיי זשע איצט דו און קויף אים ביכער און העפטן.

און צום אינגל האָט דער לערער געזאָגט:

— קום אַריין צו אונז און זיי אַ גוטער שילער און אַ גוט קינד.

דער אינגל איז מיט אַלעמען צוזאַמען אַריין אין קלאַס. אַלעמען איז עפּעס געווען גוט אויפ'ן האַרצן: זיי האָבן אַלע געפילט, אַז זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך.

תורה איז די בעסטע סחורה.

אויף אַ שיף, וואָס איז געשוואומען אין ווײַטע לענדער, זײַנען געזעסן פיל סוחרים, וואָס האָבן געפירט פאַרשיידענע סחורות. זיי האָבן געשמועסט וועגן מסחר, געוויזן איינער דעם צווייטן זייערע סחורות, געקויפט און געביטן זיך מיט זיי.

צווישן די סוחרים איז געזעסן אַ געלערנטער.

„וואו איז דײַן סחורה?“ — האָט מען אים געפרעגט.

— מײַן סחורה וועל איך ווײַזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאַנד. — האָט געענטפערט דער געלערנטער.

די סוחרים האָבן זיך געוווּנדערט איבער אַזאַ סחורה, וואָס מען זעט זי ניט, און זי פאַרנעמט קײַן אָרט ניט אויפ׳ן שיף.

אויפ׳ן וועג זײַנען אויף זיי אָנגעפאַלן ים־רויבער און צוגענומען די גאַנצע סחורה. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין לאַנד, זײַנען אַלע סוחרים אַראָפּ הוילע און נאַקעטע. זיי האָבן אפילו ניט געהאַט אויפ׳ן ערשטן מאָלצײַט. אויפ׳ן געלערנטן מענשן אָבער האָבן געוואָרט פיל תלמידים זײַנע און פאַרערער. מען האָט אים באַגעגנט מיט גרויס כבוד. דעמאָלט האָבן די סוחרים פאַרשטאַנען, אין וואָס עס באַשטייט זײַן סחורה. זיי זײַנען צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט: „גליקלאַך ביסטו, געלערנטער, מיט דײַן סחורה. איצט ווייסן מיר, אַז זי איז די בעסטע: זי ווערט ניט גערויבט און גייט ניט פאַרלאָרן“.

זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באַהילפיק זײַן אין זייער אומגליק. דער געלערנטער האָט געבעטן די עלטסטע פון שטאָט, מען זאָל זיי באַהילפיק זײַן. די עלטסטע האָבן אויפגעקליבן פאַר זיי נדבות און אויסגעריכט זיי אַהיים.

הִלֵּל׳ס ליבע צו תּוֹרָה.

א

הִלֵּל פלעגט יעדן טאָג זיך פאַרדינגען אויף אַרבעט און באַקומען לוין נאָר עטלאַכע פּרוטות. דערפון פלעגט ער האַלב אַוועקגעבן דעם שַׁמָּשׁ פון בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, ער זאָל אים אַרײַנלאָזן הערן תּוֹרָה, און האַלב פלעגט אים בלײַבן אויף לעבן פאַר זיך און פאַר זײַן הויזגעזינד.

מאַכט זיך אײנמאָל, אַז ער האָט געזוכט אַ גאַנצן טאָג און גאָר נישט באַקומען צו פאַרדינען. קומט ער פאַרנאַכט צום בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, לאָזט אים אַהין דער היטער אָן געלט נישט אַרײַן. קלעטערט ער אַרויף אויפ׳ן דאַך און שפאַרט זיך דאָרט אָן לעבן דעם שײַן־פענסטערל אויפצוכאַפּן אַ לעבעדיק וואָרט פון די צוויי גרויסע לערערס מויל — פון שְׁמַעְיָה און אַבְטַלְיוֹן.

ב

אויסגעקומען איז דאָס אין אַ ווינטערדיקן פרײַטאָג צונאַכט. און ווי הִלֵּל ליגט דאָ אַזוי פאַרטיפט אין הערן, פאַלט דערווײַל אַרויס אַ שניי. און דער שניי גייט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט הִלֵּל׳ן פאַרשאָטן.

שבת פאַרטאָג זאָגט שמעיה צו אבטליון׳ען:

„אַבטליון ברודער! אַלע טאָג אין דער צײַט איז שוין אין הויז ליכטיק, און הײַנט איז נאָך פינסטער. וואָס באַטײַט עס? זאָל דאָס זײַן אַזאַ וואָלקן־טאָג?“

גיבן זיי אַ קוק אַרויף, דערזעען זיי עפּעס אַ מענשנגעשטאַלט אויבן אין פענסטערל. איז מען אַרויף אויפ׳ן דאַך; געפינט מען הִלֵּל׳ן, ווי ער ליגט דאָרט אונטער אַ באַרג שניי פון דרײַ אײלן הויך. נעמט מען אים אַראָפּ, מען וואַשט אים אָרום און מען שמירט

אים אוים זײַן לײַב מיט בוימל און מען מאַכט אַ פײַער אים צו דער־וואַרימען, ער זאָל קומען צו זיך.

„צוליב אַפּראַטעווען דאָס לעבן פון אַזעלכן — זאָגן די לע־רער — מעג מען אַלץ טאָן".

ווערטער פון חכמים.

הלל זאָגט: זאָג ניט: „ווען איך וועל זײַן פרײַ, וועל איך לערנען", דען מעגלאַך, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט פרײַ זײַן.

ער פלעגט אויך זאָגן: אַן אומוויסנדער קאָן זיך ניט היטן פון שלעכטע מעשים, און אַ שעמעוודיקער קאָן קיין זאַך ניט לערנען.

ער פלעגט אויך זאָגן: האָב ליב מענשן און דערנענטער זיי צום לערנען.

ער פלעגט אויך זאָגן: אויב איך אַליין בין ניט פאַר זיך, טאָ ווער איז פאַר מיר? און ווען איך אַליין בין נאָר פאַר זיך, וואָס בין איך? און אויב ניט איצט — ווען דען?

פון זיך אַליין אויסגעלערנט.

אין אַ גרויסן זאַל איז געווען פאַרזאַמלט אַן עולם מענשן. עס זײַנען דאָ געווען אַי בכבוד'ע אַלטע לײַט — געלערנטע, אַי יונגע בחורים. אין מיטן זאַל איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש; אויפ'ן טיש זײַנען געלעגן אַ סך ביכער. עס איז פאַרגעקומען אַן עקזאַמען. יונגע לײַט, וואָס האָבן שוין געענדיקט איין שול, האָבן זיך עקזאַמענירט אַנצוקומען אין אַ העכערער שול. עקזאַמענירט האָט זיי אַ באַרימטער געלערנטער. אין זאַל איז געווען שטיל. פּל־זמן איינער האָט געענטפערט, האָבן די איבעריקע געשוויגן און געוואַרט.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער

און אַ שעפּטשעריַי: אין זאַל איז אַרײַן אַ יונגער פויער, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פראָסטער סערמיַנגע און אין גראָבע שטיוול מיט פּאַדקעוועס; זײַנע קליידער זײַנען געווען פאַרשטויבט. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן שטעקן; ס'איז געווען קענטיק, אַז ער איז געקומען אַהער פון אַ ווײַטן וועג. ער איז אַרײַן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איר האָט מסתמא אַ טעות געהאַט, רב קרוב, — האָט זיך צו אים געווענדט דער געלערנטער, — דאָ קומט פאָר אַן עקזאַמען. וואָס זשע דאַרפט איר דאָ?

— איך וואָלט אויך געוואָלט זיך עקזאַמענירן. — האָט דער פויער ניט דרייסט געענטפערט.

בײַ די ווערטער זײַנע האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, און דער פויער האָט זיך גאָר צעטומלט און פאַרשעמט.

— ווייסט איר דען, וואָס מען דאַרף וויסן אויפ'ן עקזאַמען?

-- האָט אים דער געלערנטער געפרעגט מיט אומצוטרוי.

— יאָ, — האָט דער פויער געענטפערט, — איך האָב געלערנט אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך לויט דער פראָגראַם.

— אויב אַזוי, טאָ זעצט זיך און וואַרט, ביז ס'וועט קומען אײַער צײַט צום ענטפערן. — האָט דער עקזאַמענאַטאָר געזאָגט.

דער פויער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט גענומען זיך צוהערן, ווי אַנדערע האָבן געענטפערט.

— ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן! — האָט ער געטראַכט. — איך ווייס דאָס אַלץ.

עס איז לסוף געקומען זײַן צײַט צו ענטפערן. ער האָט זיך שוין אײַנגאַנצן באַרואיקט פון זײַן שרעק און האָט געענטפערט זיכער און דרייסט. אַלע זײַנע ענטפערס זײַנען געווען קלאָרע און ריכטיקע. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער ווייס די זאַך אויסגעצייכנט. מען האָט אים גענומען פאַרלייגן די שווערסטע פראַגן, מען האָט אים געפרעגט אַפילו דאָס, וואָס איז אויסער דער פראָגראַם. ער האָט אויף אַלץ גוט געענטפערט. איצט האָט שוין מער קיינער פון אים

ניט געלאכט. אלע האבן אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו דעם יונגן פויערס גלענצנדע ענטפערס. דער עקזאמענאטאר איז געוואָרן פון אים אנטציקט.

— ווער האָט מיט אײַך געלערנט, יונגער מאַן? — האָט ער אים געפרעגט נאָכ'ן עקזאמען.

— מיך האָט קײנער ניט געלערנט, איך האָב אלײן אלץ אויסגעלערנט אין מײַן פרײַער צײַט, ווען איך פלעג ניט דאַרפן אַרבעטן. — האָט באשײדן געענטפערט דער פויער.

א קאמפאזיציע־לעקציע.

רחל און עקיבא.

א

אַמאָל האָט אין ירושלים געוואוינט א ווײַכער מאַן מיט'ן נאָמען כּלבּא־שבוּע. האָט ער געהאַט א בת־יחידה, וואָס האָט געהײסן רחל. איז רחל'ען געפעלן געוואָרן אײנער פון איר

פאָטערס פאַסטוכער, עקיבא דער זון פון יוסף, און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. איז איר פאָטער אויף איר אין כעס געוואָרן, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר און באַשטימט — ניט צו לאָזן איר קיין ירושה.

האָט רחל פאַרלאָזן איר פאָטערס פּאַלאַץ און האָט זיך באַזעצט מיט איר מאַן אין אַ קלייַן געצעלט הינטער דער שטאָט. זייַ זייַנען געווען זייער אָרים און האָבן געגעסן נאָר טרוקן ברויט. רחל איז אָבער שטענדיק געווען פריילאַך און פלעגט נאָך פאַרטרייַבן דעם אומעט און די שווערע געדאַנקען פון איר מאַן.

איינמאָל זאָגט רחל צו עקיבאן: „עקיבא! דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט גייַן צו די חכמים לערנען תורה. ווען דו טוסט אַזוי, וואָלט איך געווען די גליקלאַכסטע פון אַלע פרויען.“

אויף מאָרגן האָט עקיבא זיך אָפּגעזעגנט מיט זייַן פרוי און אַוועקגעלאָזט זיך לערנען תורה.

ב

איז עקיבא אָנגעקומען אין אַ שטאָט און האָט זיך געזעצט לערנען בייַ אַ מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער אלף־בית. דער דערוואַקסענער עקיבא האָט זיך ניט געשעמט און געלערנט צוזאַמען מיט קליינע קינדער.

אין אַ קורצער צייַט אַרום האָט ער שוין געקאָנט גוט לייענען. דאַמאָלסט איז ער אַריבער אין בית־המדרש, וואו ער האָט געלערנט בייַ באַרימטע געלערנטע לייַט.

געלעבט האָט עקיבא פון האָלץ־האַקן. גאַנץ פרי פלעגט ער אויפשטיין, אָנהאַקן אין וואַלד אַ בינטל האָלץ, ברענגען עס אין שטאָט אַרייַן און פאַרקויפן. ער האָט געלעבט אין אָרימקייַט, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען גאַנצע טעג און נעכט.

און עקיבא איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט שוין געקאָנט לערנען בעסער פון אַלע זייַנע חברים. און באַלד איז ער געוואָרן באַרימט, ווי איינער פון די גרעסטע געלערנטע. מען האָט אים אָנגעהויבן צו רופן: „רבי עקיבא“.

ס׳זײַנען אַריבער פֿיל יאָרן. רב עקיבא האָט באַקומען מיט זײַן געלערנטקייַט און חכמה אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען צו אים תּלמידים פֿון אַלע זײַטן. די צאָל פֿון זײַנע תּלמידים איז מיט דער צײַט אויסגעוואַקסן ביז פֿיר און צוואַנציק טויזנט.

ג

אַז עס זײַנען אַריבער פֿיר און צוואַנציק יאָר, האָט רב עקיבא זיך געלאָזט צוריק קיין ירושלים, צו זײַן פֿרוי רחל. מיט אים זײַנען מיטגעגאַנגען טויזנטער תּלמידים.

ווען מען האָט אין ירושלים דערהערט, אַז עס קומט רב עקיבא, דער גרעסטער פֿון די אידישע חכמים, זײַנען די חשוב׳סטע, די אָנגענומענסטע לײַט פֿון שטאָט אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן. צווישן די חשוב׳ע לײַט איז אויך געווען כּלבא־שבוע.

רחל האָט זיך אויך געלאָזט גייִן אַנטקעגן ר׳ עקיבא׳ן. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי געקושט דעם זוים פֿון זײַן קלייד און געוויינט פֿאַר שׂמחה. די תּלמידים האָבן זי געוואָלט אָפּשטויסן און אָוועקטרייַבן, וואָרים זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז זי איז ר׳ עקיבא׳ס ווײַב.

האָט רב עקיבא זיי געזאָגט: „לאָזט זי, קינדער! איר זאָלט וויסן זײַן, אַז איר האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אי מײַן תּורה, אי אײַערע. ווען ניט די פֿרוי, וואָלט איך ניט געווען אײַער לערער און איר — מײַנע תּלמידים“.

ווען דער רײַכער כּלבא־שבוע האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ עקיבא איז דאָס זײַן איידים, האָט ער זײַן טאָכטער רחל צוריק געמאַכט פֿאַר זײַן יורש׳טע און ער האָט אײַנגעלאַדן ר׳ עקיבא׳ן גייִן וואוינען בײַ אים אין פּאַלאַץ. רב עקיבא אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון די רײַכע פּאַלאַצן און זיך באַזעצט אינ׳ם געצעלט פֿון זײַן ווײַב.

און זײַער אָרים געצעלט איז געוואָרן העכער פון אַלע שענסטע
פּאַלאַצן, ווײַל דאָרטן האָט געוואוינט דער גרעסטער געלערנטער פון
די אידן, און אַהין פלעגט מען קומען פון נאָענט און פון ווײַט הערן
תּורה און חכמה.

דער ערשטער טאָג אין סקול.

יאָסעלע, אַ אינגעלע פון אַ יאָר צוועלף, איז געקומען פון רוס-
לאַנד אין אַמעריקע. זײַנע עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע האָט
שוין זײַט אַ געוויסער צײַט געוואוינט אין ניו-יאָרק. און עס איז
געקומען די צײַט, ווען מען האָט יאָסעלען געמוזט אין סקול אָפּגעבן.

די מוטער האָט אים בײַ דער האַנט גענומען; בערל, זײַן
ברודערל, וואָס איז שוין געגאַנגען אין סקול, איז מיטגעגאַנגען, און
מען האָט יאָסעלען אין דער סקול געפירט.

אַרײַנגעקומען אין אַ גרויס הויז, האָט יאָסעלע מ ו ר א גע-
קראָגן. נאָר געזען, ווי בערל פילט זיך הײמיש דאָרט, גריסט זיך מיט
אַלע, איז ער אַביסל רואיקער געוואָרן. בערל האָט זײ אַרײַנגעפירט
אין דער קאַנצעלאַריע (אין אָפיס) אַרײַן, וואו מען האָט יאָסעלען
פאַרשריבן. יאָסעלע האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט בערלען, ווי ער
שטײט און ט ע נ ה'ט זיך אויס אויף עפּעס אַ פרעמדער שפּראַך
מיט אַ הויכן מאַן און ער האָט גאָר ניט קײן מ ו ר א. דערנאָך האָט
בערל יאָסעלען בײַ דער האַנט אָנגענומען און אַרײַנגעפירט אים אין
אַ גרויסן זאַל אַרײַן.

אַזאַ גרויסן זאַל האָט נאָך יאָסעלע קײנמאָל ניט געזען. אין
זאַל זיצן קינדער, יעדעס קינד אויף אַ שטול. ער האָט ניט באַמערקט,
ווי מען האָט אים אויך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. אויף דעם בעלע-
מער זײַנען געשטאַנען די לערער און לערערנס און מען האָט גע-
שפּילט אויף עפּעס אַן אינסטרומענט; און די קינדער האָבן אַלע
מיטגעזונגען אַ ליד, וואָס יאָסעלע האָט ניט פאַרשטאַנען.

באַלד האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט. די קינדער האָבן זיך

אָנגעהויבן מיט רעש צו צעגיין. בערל איז צוגעגאַנגען צו איינער פון די לערערנס און עפּעס געזאָגט. די לערערן איז צוגעגאַנגען צו יאָסעלען, האָט אים אָנגענומען מיט דער האַנט ביים קינדל און מיט אַ ליבלאַכן שמייכל עפּעס צו אים גערעדט. נאָר יאָסעלע האָט ניט פאַרשטאַנען. די לערערן האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפירט אים פון זאַל. און זי שפּרינגט מיט אים איבער טרעפּ און רעדט צו אים און שמייכלט צו אים און דערציילט אים און ווייזט אים מיט די הענט. נאָר יאָסעלע פאַרשטייט ניט, וואָס זי רעדט.

באַלד פירט אים די לערערן ווידער אַריין אין אַ זאַל. קינדער זיינען דאָרט. און ווי זיי האָבן זי דערזען, זיינען זיי זי באַפאַלן מיט לאַכן און פרייד. זי ווייזט די קינדער אויף יאָסעלען און אַלע קוקן יאָסעלען אַזוי נייגעריק אָן. און זי נעמט אים ביי דער האַנט און זעצט אים הינטער אַ שטענדער אַוועק, און נעמט פּאַפּיר און לייגט פאַר אים, און אַ בליישטיפט גיט זי אים אין האַנט אַריין און ווייזט אים אויף אַ מענשעלע, וואָס שטייט אויסגעמאָלט אויף אַ טאַבעלע, און הייסט אים, ער זאָל נאָכמאָלן דאָס מענשעלע, און גייט איבער צו די אַנדערע קינדער.

אַ פּאַוזע.

דורך די פענסטער פון דער שול
ווינקט דער בלויער פרײַער דרויסן.
גיט דער לערער נאָר אַ קלונג,
נעמען זיך די קינדער שטייִסן.

דורך די טירן אויף דער גאַס
נעמען קינדער זיך פאַרזייִען,
און די לופט איז אָנגעפילט
מיט די קינדערשע געשרייִען.

אייִנער גיט אַ וואָרף אַ באַל,
לויפן אַנדערע אים כאַפּן;
שטייִט אַ קאַן פון מילך אין גאַס,
נעמען קינדער אויף דעם קלאַפּן.

גייִען מייִדלאַך אין אַ רייִ,
אייִנע טראָגט מיט שטאָלץ אַ ביכל;
לויפט אַ אינגל דורך זייִ,
קײַענדיק אַ פרישן קיכל.

שטייִט אַ קינד פאַרבענקט אַהיים,
ווײַל זײַן מאַמע באַקט הײַנט קוכן.
גייִט פון קראָם אַרויס אַ קינד,
נעמט די צוקערלאַך פאַרזוכן.

שטייִט אַ מייִדל מיט אַ בוך,
קוקט זי אויף די שייִנע בילדער;

לויפן אינגלאַך איר פאַרבײַ
מיט געשרײַען און געפילדער.

„שטײַ!“ — גיט אײַנער אַ געשרײַ,
נעמט זײַן ח ב ר ׳ ם לאַצן דרײַען,
גיט אים מיט אַ שפּיז אַ שטאָך,
בײַגט דער שפּיז זיך אײַן אין צווײַען.

לאַכן בײַדע אינגלאַך הויך,
קוקן אויף דעם שפּיז פון לעדער;
ג נ ב׳עט זיך אַ אינגל דורך,
קיצלט ער זײַ מיט אַ פעדער.

גיט אַ קלונג דעם לערערס גלאָק,
נעמען זיך די קינדער יאָגן,
און דער גרויסער טומל ווערט
לאַנגזאַם צו דער שול פאַרטראָגן.

דרײַ אינגעלאַך.

די מאַמע האָט דרײַ אינגעלאַך,
דרײַ אינגעלאַך געהאַט,
מיט ווײַכע רויטע בעקעלאַך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.
האָט אײַנס געהײַסן בערעלע,
דאָס צווײַטע ח י י ם - שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהײַסן —
מען זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אײַך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוואוסט — איר וואַרט.
דאָס דריטע קלײנע אינגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלאַך
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דרײַ גוטע פעטע ניסעלאַך,
דרײַ ניסעלאַך אַ פּראַכט.
איז אײנס געווען פאַר בערעלען,
און אײנס פאַר ח י י ם - שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסעלע —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַ ביסל:
פאַרוואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווײַל ניסן, ניסן, ניסעלע —
דאָס דריטע, דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהײם געבראַכט
צוויי ניסעלאַך און מיך;
צוויי ניסלאַך פאַר די ברידערלאַך
און מיר — צוויי נײַע שיך.

צום טאַטנס געבורטסטאָג.

דער טאַטע איז אַלט געוואָרן פינף און דרײַסיק יאָר. די גרע־סערע קינדער האָבן געוואוסט פריער, ווען דער טאַטע וועט האָבן זײַן געבורטסטאָג, און זיי האָבן צוליב דעם אָנגעגרייט פאַר אים מ תּ נ ו ת. אָבער זיי האָבן דעם פאָטער גאָרנישט ניט געזאָגט; זיי האָבן אים געוואָלט איבעררײַשן.

גאַנצע טעג האָבן די קינדער געמעדט וועגן זייערע מַ תּ נ ו ת. ווען דער פאָטער איז ניט געווען אין הויז, פלעגן זיי די גוטע זאַכן אַרויסנעמען פון זייערע באַהעלטענישן, און ווײַזן איינע די אַנדערע, און ריידן פון דעם, ווי דער טאַטע וועט זיך פרייען.

בלויז דאָס אינגסטע קינד האָט ניט געהאַט קײַן מ תּ נ ה צו געבן דעם פאָטער. דאָס איז געווען אַ מיידעלע דרײַ יאָר אַלט, און קיינער האָט ניט גערעכנט, אַז זי איז אַלט גענוג און פאַרשטייט עפּעס וועגן אַ געבורטסטאָג. אָבער דאָס מיידעלע האָט פאַרשטאַנען און האָט זיך זייער גענומען צום האַרצן, וואָס מען האָט איר ניט געגעבן קײַן געלעגנהײַט צו ווײַזן איר ליבע צום פּאַפּאַ.

דאָס קינד האָט געטראַכט און געטראַכט מיט איר קינדערשן ש כ ל, און נאָכדעם האָט זי גענומען עטלאַכע שטיקער פּאַפּיר, און מיט אַ בלײַפעדער האָט זי גענומען שרײַבן אַ בריוו צום פּאַפּאַ. זי האָט פאַרשריבן אַכט אָדער צען זײַטלאַך פּאַפּיר. און וואָס האָט אַזאַ מיידעלע געקענט אָנשרײַבן? פּאַסיקלאַך, רעדעלאַך, פינטעלאַך פון איין זײַט, און פּאַסיקלאַך, רעדעלאַך און פינטעלאַך פון דער אַנדער זײַט. גאַנצע טעג פלעגט דאָס מיידעלע שרײַבן, און אַז די עלטערע שוועסטער און ברידער פלעגן לאַכנדיק פרעגן: „וואָס שרײַבסטו, לינע?“ פלעגט דאָס מיידעלע ענטפערן: „איך שרײַב זיך אַזוי, איר וועט שוין זען, צו וועמען איך שרײַב“.

ענדלאַך איז געקומען דער געבורטסטאָג. די קינדער זײַנען אויפגעשטאַנען זייער פרי, זיך אָנגעטאָן, און מיטנעמענדיק זייערע

פרעזענטן, זײַנען זײ אַרײַנגעקומען אין דעם צימער, וואו דער פאָטער איז געשלאָפן. בײַ זײער אַרײַנקומען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. און דאַן זײַנען די קינדער צוגעקומען צו אים אײנציקווײַז און האָבן אים דערלאַנגט זײערע פרעזענטן. דער פאָטער איז געווען איבעראַשט, און ער האָט זיך זײער שטאַרק געפרײט און געקושט יעדעס קינד באַזונדער.

דאַן איז דאָס קלענסטע קינד, דאָס מײדעלע, צוגעגאַנגען און דערלאַנגט דעם פאָטער אַ פּעקל צעקנײטשטע פּאַפּירן, וואָס זײַנען געווען פאַרשריבן פון אַלע זײַטן. „דאָס איז אַ בריוו צו דײַן געבורטסטאָג“. — האָט דאָס מײדעלע געזאָגט. דער פאָטער האָט זי גענומען אויף די הענט און באַטראַכט די פּאַסיקלאַך מיט די רעדלאַך, וואָס זײַנען געווען אויף די פּאַפּירן.

„און וואָס שטײט דאָ געשריבן, מײַן טײַער קינד?“ — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט אַן ערנסטער מינע.

— „דאָ שטײט“: — האָט דאָס מײדעלע געענטפערט, און אירע אײגעלאַך האָבן אַ לײַכט געטאָן: — „איך האָב ליב מײַן גוטן פּאַפּאַ“.

אַלע קינדער האָבן באַלד געזען, אַז לינעס מ ת נ ה איז די שענסטע.

דעם זײדנס טאַביק־פּושקע.

— זײדע, ווײַז דײַן טאַביק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.
„גײ, דו ביסט אַ שטיפער!“ — זאָגט ער
און ער גײט אַוועק.

טראַכט איך: אַז דער זײדע ט'שלאָפן,
קײנער וועט ניט זײַן,

ווער איך אויף די שפּיצן פינגער
אין זײַן שטוב אַרײַן ;

אויסזוכן די פּושקע טאַביק
אין זײַן לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגײַין מיט זײַן שטאָק.

טאַביק וועל איך קענען שמעקן,
וויפיל נאָר איך וויל ;
וועל איך אויסזען, ווי אַ זיידע...
אוי, אַ שיינע שפּיל !

שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן !
בין איך באַלד ביים טיר ;
שפּאַן אַרײַן צו אים אין קאַמער,
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.

כאַפּ איך זיידעס ראָק פון בעטל,
זוך די טאַביק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן
און איך גיי אַרויס.

שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מײַן האַנט דעם שטאָק.

ווײל איך עפּענען די פּושקע,
קען איך ניט, ס'איז שווער;
רײַס איך זי מיט אַלע כּ ו ח ו ת,
דרײ זי הין און הער.

ביז עס רײַסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן פּראַל;
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַביק — ביטער-גאַל!

— האַפּטשי! האַפּטשי! זײדע, זײדע!
גיכער, קום אהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגן, זײדע!
כ'וועל ניט טאָן דאָס מער!

קומט דער זייַדע שנעל צו לויפן:
„האפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי, ס'איז ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ אין נאָז!

„זעסט, — זאָגט ער, — וועסט נאַשן טאַביק,
אַז דער זייַדע שלאָפט?"
כ'ווייס, איך בין געווען אַ שלעכטער,
האָט מיך גאָט געשטראָפט...

זאָלסט אַלע מאָל זאָגן דעם אמת!

אַ שמעק טאַביק.

אַ איד איז געפאָרן אין וועג. פאַרווילט זיך אים זײַער שטאַרק אַ שמעק טאַביק, און זײַן טאַביק-פּושקעלע האָט ער צום אומגליק פאַרגעסן אין דער היים.

דערזעט דער איד פון ווײַטן אַ פּויער. פאָרט ער צו צו אים און בעט בײַ אים אַ שמעק טאַביק. דער פּויער האָט ניט געוואָלט געבן. באָט אים דער איד פינף קאָפּיקעס פאַר אַ שמעק, דער פּויער וויל ניט. ביז ער האָט דעם פּויער געגעבן 20 קאָפּיקעס, דעמאָלט האָט אים דער פּויער געגעבן אַ שמעק טאָן. דער איד האָט באַצאָלט נאָך צוואַנציק קאָפּיקעס, גענומען אַ שמעק טאַביק אין וועג אַרײַן און איז אַוועקגעפאָרן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער זעלבער פּויער געבראַכט צופירן אין שטעטל אויפ׳ן מאַרק אַ פור מיט האָלץ. דער איד האָט דערזען דעם פּויער מיט דער פור האָלץ, איז ער צוגעגאַנגען און אָפּ-געקויפט בײַ אים דעם וואָגן האָלץ פאַר זעכציק קאָפּיקעס. דער פּויער האָט אָפּגעפירט דעם וואָגן האָלץ צום אידן אהיים, האָט אַראָפּ-געלייגט דאָס האָלץ און איז אַרײַן צום אידן אין שטוב נאָכ׳ן געלט.

דער איד האָט דעם פּויער געבעטן זיצן און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס. דערווײַל האָט דער איד אַרויסגענומען זײַן טאַביק-פּושקעלע און געטאָן אַ שמעק טאַביק. דער פּויער האָט אויך אַרײַנגעשטעקט זײַנע פינגער און גענומען אַ שמעק טאַביק. דער-ווײַל רעדט דער איד און פרעגט זיך פאַנאַנדער און נעמט נאָך אַמאָל אַ שמעק, און דער פּויער טוט אים נאָך און נעמט אויך נאָך אַ שמעק.

אַ ביסל שפּעטער שטייט דער פּויער אויף און בעט דאָס געלט, וואָס אים קומט פאַר׳ן וואָגן האָלץ. נעמט דער איד און גיט אים 20 קאָפּיקעס. דער פּויער האָט דאָס דערזען, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כּעס: „דו דאַרפסט דאָך מיר באַצאָלן 60 קאָפּיקעס און ניט צוואַנציק!“

— „יאָ, — ענטפערט דער איד, — אָבער דו האָסט ביי מיר גענומען צוויי שמעק טאַביק. און ביי מיר קאָסט אויך אַ שמעק טאַביק צוואַנציק קאָפּיקעס, אַזוי ווי ביי דיר. צוויי שמעק טאַביק איז 40 קאָפּיקעס. קומט דיר נאָך 20; אויב דו ווילסט, נעם.“

איז דער פּויער אַוועקגעלאָפן צום ריכטער. דער ריכטער האָט געשיקט נאָכ'ן אידן. דער איד איז געקומען און דערציילט פאַר'ן ריכטער די גאַנצע מ ע ש'ה. האָט דער ריכטער געפּסק'נט: „40 קאָפּיקעס האָט ער ביי דיר אָפּגענומען מיט די צוויי שמעק טאַביק. קומסטו אים נאָך 20. גיב אים נאָך אַ שמעק טאַביק, און איר וועט זיין קוויט.“

שלימאַזל.

האָט איר ווען געהערט פון שלימאַזלען?

שלימאַזל איז אַ מענש, וואָס מיט אים טרעפן זיך נאָכאַנאַנד אומגליקן. וואו ער גייט און וואו ער שטייט, טרעפט מיט אים עפּעס אַן אומגליק. אַלץ וואָס ער וויל טאָן, לאָזט זיך אוים פּונקט קאַפּויער.

איינמאָל איז געווען אַ קאַלטער פרימאָרגן. האָט שלימאַזל געוואָלט מאַכן פייער אין הויז. איז ער אַרוים אויפ'ן הויף, האָט ער דאָרט קיין ברעקל האָלץ ניט געפונען.

איז שלימאַזל אַוועק אין וואַלד און געוואָלט אָנהאַקן האָלץ. האָט ער דערזען אַ סטאַדע וועלף. איז ער אַנטלאָפן פון די וועלף און איז צוגעלאָפן צו אַ בריק.

ווי נאָר שלימאַזל האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף דער בריק, איז די בריק איינגעפאַלן, און שלימאַזל איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

שלימאַזל איז געשוואומען און געשוואומען, ביז ער איז קוים, קוים געקומען צום ברעג. ער איז ווידער אַוועק אין וואַלד אַריין און גענומען האַקן האָלץ.

ער האָט אַזוי לאַנג געהאַקט האָלץ, ביז ער איז מיד געוואָרן און איז איינגעשלאָפן אין וואַלד. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, האָט ער דערזען, אַז די האָלץ האָט עמיצער צוגענומען.

נו, האָט שלימאַזל אָנגעהאַקט אַנדערע האָלץ און זיי געטראָגן אַהיים. אָבער ביז ער איז געקומען אַהיים, האָט זיך דאָס וועטער געענדערט און עס איז געוואָרן וואַרים, און מען האָט מער ניט גע־דאַרפט הייצן.



דער מאַן, זײַן זון און דער אײזל.

1.

אַמאָל איז אַ פֿאָטער געגאַנגען צוזאַמען מיט זײַן זון אין וועג. דער פֿאָטער האָט נאָכגעפֿירט אַן אײזל הינטער זיך.

גײט פֿאַרבײַ אַ מאַן. רופֿט ער זיך אָפּ:

„איר זײַט גאָר ניט קלוג! וואָס גײט איר צופֿוס און פֿירט נאָך זיך נאָך דעם אײזל? אויף וואָס טויג דען אַן אײזל, אויב ניט אויף פֿאָרן רײַטנדיק אויף אים?“

— איך האָב גאָר וועגן דעם ביז איצט ניט געטראַכט. — האָט דער פֿאָטער געזאָגט. — ביסט גערעכט.

און ער האָט אַרויפֿגעזעצט דעם זון אויפֿ'ן אײזל און זײ זײַנען אַוועק ווײַטער.

גײען פֿאַרבײַ מענשן. רופֿן זײ זיך אָפּ:

„זע נאָר, וואָס פֿאַר אַ בײַבאַק/דאָס איז! אַלײן פֿאָרט ער אויפֿ'ן אײזל און דעם אַלטן טאַטן לאָזט ער גײן צו פֿוס.“

ווען דער פֿאָטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געהײסן דעם זון אָפּשטעלן זיך און אַראָפּ פֿון אײזל. און ער אַלײן איז אַרויף אויפֿ'ן אײזל און איז אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער. און דער זון איז אים נאָכגעגאַנגען.

גײען פֿאַרבײַ דרײַ פֿרויען. רופֿן זײ זיך אָפּ:

„וואָס פאַר אַ שלעכטער און פוילער מענש דאָס איז! אַליין זיצט ער אויפ'ן אייזל און דאָס קינד לאָזט ער נאָכגיין הינטן.“

ווען דער פאָטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געהייסן זיין זון אויך אַרויפקריכן אויפ'ן אייזל און זעצן זיך הינטער אים. און זיי זיינען אָוועקגעפאָרן, אַזוי רייטנדיק ביידע אויפ'ן אייזל, אין שטאָט אַריין.

2.

ווען זיי זיינען געקומען נאָענט צו דער שטאָט, האָבן זיי באַגעגנט פיל פון די שטאָטלייט. און די שטאָטלייט האָבן אָנגעהויבן צו שרייען אויף זיי און אויספייפן זיי.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

„פאַרוואָס שרייט איר, מיינע פריינד? וואָס געפעלט אייך ניט?“

„וואָס געפעלט אונז ניט? — האָבן די שטאָטלייט ווידער געשריען. — ווי זיינען דאָס מענשן אַזוי האַרטהאַרציק? האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביידע אויף אַ שוואַך אָרים באַשעפעניש און טרייבן אים. איר האָט זיך געמעגט שעמען!“

דער פאָטער און דער זון זיינען ביידע אַראָפּ פון אייזל. דער כאָטער האָט אַ ווייַלע אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי טוט מען, ער זאָל צופרידנשטעלן אויך די דאָזיקע גוטע שטאָטלייט. און ער האָט געזאָגט צום זון:

— לאָמיר גאָר נעמען דעם אייזל און טראָגן אים אויף אונזערע אַקסלען.

האָבן זײ אַזוי געטאָן. און װען זײ זײַנען אַרײַן אין שטאָט, האָבן מענער, פֿרויען און קינדער זײ באַגעגנט און געלאַכט פֿון זײ און געזאָגט:

— זעט, אָט זײַנען צװײ אײזלען, װאָס טראָגן אַ דריטן אויף זײערע אַקסלען.

האָט דער פֿאָטער זיך אָפּגעשטעלט. זײ האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם אײזל אויף דער ערד. און דער פֿאָטער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

„איך זע, מײַן זון, אַז אַלעמען צופֿרידנשטעלן איז ניט מעגלעך.“

אנטלאָפֿן די קו.

דרײַ שטאַלן.

1.

אַן אַלטער פֿאַרמער איז געװאָרן שטאַרק קראַנק. ער האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. און אײדער ער האָט צוגעמאַכט זײַנע אויגן

אויף איביק, האָט ער צוגערופן זײַנע דרײַ זין און האָט זײ אַזוי געזאָגט:

„קינדער מײַנע! איך גײ אַוועק פון דער וועלט. קײַן גאָלד און קײַן זילבער לאָז איך ניט איבער. איך לאָז אײַך נאָר איבער מײַן פעלד, וועט איר עס צעטײלן צווישן זיך גלײַך אויף גלײַך. און אַ קו נאָך, אַן אײנציקע קו, לאָז איך אײַך איבער. וועט איר זי פאַרקויפן און דאָס געלט וועט איר אויך צעטײלן צווישן זיך גלײַך אויף גלײַך.“

דער פאַרמער איז געשטאָרבן. די קינדער זײַנע האָבן אים באַווײנט. נאָכדעם זײַנען זײ צוגעטראָטן צו פאַרטײלן צווישן זיך זײער פאָטערס פאַרמעגן.

דאָס פעלד האָבן זײ צווישן זיך צעטײלט גלײַך אויף גלײַך, ווי דער פאָטער האָט זײ געהײסן. נאָר ווען עס איז געקומען צו פאַרקויפן די קו, האָט אײנער פון די ברידער געזאָגט:

— צו וואָס זאָלן מיר פאַרקויפן אַזאַ גוטע קו צו אַ פרעמדן? איז ניט בעסער, זי זאָל בלײַבן בײַ אונז?

— געוויס איז בעסער, זי זאָל בלײַבן בײַ אונז, — האָט זיך אַן אַנדער ברודער אָפגערופן, — די פראַגע איז נאָר, בײַ וועמען פון אונז?

— האָב איך אַ פלאַן: — האָט געזאָגט דער דריטער ברודער: — זאָל יעדער אײנער פון אונז אויסבויען אַ נײַע שטאַל. און אין וועמעס שטאַל די קו וועט וועלן בלײַבן, יענעם זאָל זי געהערן.

דער פלאַן איז געפעלן געוואָרן אַלע דרײַ ברידער, און זײ האָבן זיך גענומען בויען יעדער אײנער זײַן שטאַל.

2.

ווען די שטאַלן זײַנען פאַרטיק געוואָרן, האָט דער עלטסטער ברודער באַצירט זײַן שטאַל מיט שײנע בילדער און בלומען-טעפ.

דער צווײטער ברודער האָט אין זײַן שטאַל אַרײַנגעשטעלט אַ שפיל-קאַסטן, וואָס האָט געשפילט שײנע מוזיק.

און דער אינגסטער ברודער האָט זײַן שטאַל אויסגעבעט מיט שטרוי, און אין אַ ווינקל האָט ער אָוועקגעלייגט אַ גרויס בינטל פֿריש היי.

ווען די קו איז געקומען פֿון פֿעלד, איז זי פֿריער אַרײַן צום עלטסטען ברודער אין שטאַל. דאָרטן האָט זי אַ שמעק געטאָן, איבערגעקערט די בלומען־טעפּ און איז אַרויס.

נאָכדעם איז זי אַרײַן אין דער צווייטער שטאַל, וואו די מוזיק האָט געשפּילט. זי האָט דאָרט ביז אַ רעווע געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן, ווארפנדיק מיט'ן עק.

צולעצט איז זי אַרײַן אין דער דריטער שטאַל. דאָרט האָט זי געפונען דאָס פֿרישע היי. זי האָט זיך גענומען עסן דאָס היי; דערנאָך האָט זי זיך אויסגעלייגט אויף די שטרוי און איז שוין דאָרטן פֿאַרבליבן.

דער קאָטער.

בײַ מור דעם קאָטער זײַנען אויף דער עלטער אַרויסגעפאַלן די ציינער. און כאַפּן מײַז האָט זיך דעם אַלטן מור זייער שטאַרק געגלוסט. ליגט ער גאַנצע טעג אויפ'ן וואַרימען אויוון און קלערט, וואו נעמט מען ציינער. ער האָט געקלערט און געקלערט און דערקלערט זיך. גייט ער צו דער אַלטער פײַען.

— פײַע, פײַעלע! שטעל מיר אַרײַן נײַע ציינער, אָבער אײַזערנע; די ביינערנע זײַנען שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן.

— רעכט. — זאָגט די אַלטע פײַע. — דו וועסט מיר אָבער דאַרפֿן אָפּגעבן דערפֿאַר דאָס, וואָס דו וועסט כאַפּן צום ערשטן מאָל.

דער קאָטער האָט אײַנגעשטימט און געשוואוירן זיך, אַז ער וועט אָפּגעבן, האָט גענומען די אײַזערנע ציינער און מאַרש אַהיים.

בײַנאַכט ליגט זיך דעם קאָטער ניט אײַן... ער גייט אַרום איבער'ן צימער און שמעקט און נישטערט — מײַז.

פלוצלונג האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. דער קאָטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, האָט אָבער גאָרנישט ניט געכאַפּט.

ער איז אַוועק ווײַטער, און ווידער האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן.

„וואַרט נאָר!" — קלערט דער קאָטער. ער האָט זיך געשטעלט, אַ קוק געטאָן אָן אַ זײַט, אַ שפּרונג געטאָן, אָנגעהויבן צו דרייִען זיך ווי אַ דרייִדל און האָט מיט זײַנע אײַזערנע צייִנער געכאַפּט — זײַן אייגענעם עק.

און פּלוצלונג — די אַלטע פּײַע איז דאָ.

— „גיב אַהער דײַן עק, — זאָגט זי, — מיר האָבן דאָך אַזוי אָפּגערעדט."

און מור קאָטער איז געבליבן אָן אַן עק.

ער ליגט גאַנצע טעג אויפ'ן אויוון און קלערט: פאַרשאָלטן זאָלן זיי זײַן, די אײַזערנע צייִנער! איבער זיי בין איך געבליבן אָן אַן עק...

מײַן קעצעלע.

איך האָב געהאַט אַ קעצעלע,
אַ קעצעלע אַ ווײַס,
מיט אויערלאַך צוויי שפּיציקע
צו שפּירן נאָך די מײַז;

מיט אייגעלאַך צוויי געלינקע,
ווי אמת'ער בורשטין,
וואָס פלעגן זיך אָפט אָנצינדן
און פינקלען גאָלדיק-גרין.

איר קליינע ווײַסע פעלכעלע
געהאַט האָט צאַרטע האָר,
וואָס זי פלעגט תּמיד ריינִיקן
און האַלטן תּמיד קלאָר.

און טאָמער פלעגט אַ טראָפּעלע
אַרויפפאַלן אויף איר,
דאַן פלעגט זי נעמען פּוצן זיך,
און וואַשן אָן אַ שיעור.

דאָס קליינע ווײַסע קעצעלע
געווען איז זייער קלוג:
זי האָט געוואוסט דאָס ווינקעלע,
וואו ס'שטייט פון מילך דער קרוג;

און וואו דאָס טעפּל פּוטער איז,
פון שפּײַז-אַלמער דעם פּלאַץ
(אַ גרויסע, גרויסע נאַשערקע
געווען איז מײַן קאַץ).

זי פלעגט זיך שטיל
פאַר'גנב'נען,
בשעת איך פלעג נישט זען,
און אויפנאַשן אין שפּײַז-אַלמער
דאָרט אַלץ, וואָס ס'איז געווען.

און ווען איך פלעג צוריקקומען,
דאַן פלעגט זי זיצן שטיל
און וואַשן זיך די וואָנציקעס
און מורקען מיט געפיל.

נאָר איינמאָל איז געשען מיט איר
אַ מעשה גאָר אַ שרעק:
אויף יאָגד נאָך קליינע פייגעלאַך
איז זי אין הויף אַוועק,

פון הויף אין פעלד, און יאָגנדיק
די פייגעלאַך צום וואַלד,
אַן אָדלער מיט אַן אָדלערטע
באַגעגנט האָט זי באַלד.

אומזיסט האָט זי געבעטן זיך,
געמיאַוקעט און געוויינט,
די בייזע אָדלערס האָבן נישט
איר פעלכעלע געשוינט;

צעריסן זי אויף שטיקעלאַך,
געלאָזן נאָר דעם עק.
אים האָב איך נאָכדעם ליגנדיק
געפונען אויפ'ן וועג.

דער הונט, די קאַץ און די מויז.

אַמאָל האָבן אידן געהאַט אַ קיניג, האָט ער געהײסן שלמה.

איז דער קיניג שלמה געװען זײער קלוג. ער האָט געקענט רעדן מיט אַלע חיות און מיט אַלע פײגל. מיט דעם פערד האָט ער גערעדט אויף דעם הי־הי־הי לשון; מיט דעם הונט האָט ער גערעדט אויף דעם האַו־האַו לשון; מיט דער קאַץ אויף דעם מיאַו־מיאַו לשון, און אַזוי מיט אַלע באַשעפעניש.

דער קיניג שלמה האָט געהאַט אַ סך פרײַנד, צװישן זײ אויך קיניגן פון אַנדערע לענדער, און ער האָט זײ געשיקט בריף. די בריף פלעגט ער שיקן מיט דער טויב. די טויב פלעגט אָפּטראָגן אַ בריף און ברענגען צוריק אַ בריף.

אײנמאָל האָט דער קיניג שלמה געדאַרפט שיקן אַ סך, אַ סך בריװלאַך אין אַלע לענדער. האָט דאָך די טויב ניט געקענט פליען אומעטום, האָט דער קיניג אויסגערופן: „װער װיל אַװעק־טראָגן אַ נײַטיק בריװל צו דער קיניגן פון שבא?“

דער הונט האָט זיך אָפּגערופן: „האַו־האַו“! — ער װיל אָפּ־טראָגן דעם בריף צו דער קיניגן פון שבא. איז דאָך טאַקע דער הונט זײער געשװינט, ער קען לויפן; האָט אים דער קיניג געגעבן אַװעקצוטראָגן דעם בריף.

דער הונט האָט געהאַלטן דעם בריף אין מויל, צװישן די צײנער, און מיט זײַנע פלינקע פיס איז ער געפלויגן איבער פעלדער און דורך װעלדער צו דער קיניגין פון שבא.

פלוצלונג — אַ טײַך. שװימט דער הונט אַריבער דעם טײַך, אָבער שװימענדיק האָט ער פאַרנעצט דעם בריף. שטײט אַזוי דער הונט מיט'ן נאַסן בריף און װײס ניט װאָס צו טאָן, װאָרים ס'איז ניט שײן צו ברענגען דער קיניגן פון שבא אַ פאַרנעצטן בריף. נאָר װי דער הונט שטײט אַזוי מיט'ן נאַסן בריף, קומט אָן די קאַץ. דערצײלט איר דער הונט, װאָס מיט אים האָט פּאַסירט.

— וויִיסטו וואָס, פרייַנד הונט, — רופט זיך אָפּ די קאַץ, — גיב מיר דעם בריף, וועל איך אים אויסטריקענען. דו וויִיסט דאָך, איך זיץ שטענדיק בייַם וואַרימען אויוון, קען איך שנעל אויסטריקענען דעם בריף.

גיט דער הונט דער קאַץ דעם בריף און אַליין לייִגט ער זיך דערווייַלע אָפּרוען.

די קאַץ איז אַוועק צום אויוון, דעם בריף האָט זי אַוועקגעלייִגט בייַם הייסן טירל און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. אַזוי לאַנג, ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן בייַם אויוון.

דערווייַלע איז פון אַ לעכל אין דעם דיל אַ מייַזעלע אַרויסגעקומען. דאָס מייַזעלע האָט זיך אַרומגעקוקט, — די קאַץ שלאָפט! האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם בריף און איז מיט אים אַנטלאָפן אין איר נאָרע, דורך דעם לעכל פון דעם דיל.

די קאַץ האָט זיך אויפגעכאַפּט: זי האָט דערהערט אַ שאָרשקען. דאָס האָט געשאָרשקעט דער בריף, בשעת דאָס מייַזעלע האָט אים איבער דעם דיל געשלעפּט. האָט זיך די קאַץ פלינק אַ יאָג געגעבן נאָך דער מויז, אָבער זי איז שוין געווען טיף אין איר נאָרע.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט די קאַץ ניט דעם בריף און זי האָט מורא זיך צו ווייַזן פאַר'ן הונט.

און דער הונט האָט ניט דעם בריף, ווייַל די קאַץ האָט אים ניט אָפּגעברענגט, ווייַל דאָס מייַזעלע האָט אים צוגעכאַפּט.

ווען דער הונט דערזעט די קאַץ, גיט ער זיך דערפאַר צו איר אַ וואָרף מיט כּעס.

„ר־ר־ר־ר־או, ר־ר־ר־ר־או! וואו איז מייַן בריף?“

האָט די קאַץ ניט וואָס צו ענטפערן, אַנטלויפט זי און באַהאַלט זיך פון דעם הונט.

דערפאַר, אַז די קאַץ דערזעט די מויז, כאַפּט זי זי און בייַסט זי און רייַסט זי, און זי זאָגט צו איר:

„האַ? וועסט ווייַטער גנב'ענען בריף? וועסט גנב'ענען?“

געלערנטע הינט.

אין די גרויסע שטעט טרעפט, אז בשעת א שרפה בלייבן איבער קינדער אין די ברענענדיקע הייזער, און מען קאן זיי פון דארט ניט אַרויסנעמען. פאר שרעק באהאלטן זיך די קינדער און שווייגן, און איבער'ן רויך איז זיי שווער צו באמערקן.

כדי צו ראטעווען אזעלכע קינדער, זיינען אין דער ענגלישער הויפטשטאט, אין לאנדאן, פאראן ספעציעל אויסגעלערנטע הינט. די דאזיקע הינט לעבן אינאייינעם מיט די פייערלעשער, און בשעת א שרפה שיקן די פייערלעשער זיי אריין אין ברענענדיקן הויז ארויסצוטראגן פון דארט די איבערגעבליבענע קינדער. איינער פון די דאזיקע הינט האט געראטעוועט פון טויט גאנצע צוועלף קינדער. געהייסן האט דער הונט „באב“.

אמאל האט זיך אנגעצונדן א הויז. ווען די פייערלעשער זיינען אנגעקומען, איז צו זיי צוגעלאפן א פרוי. זי האט זיי מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אז אין הויז איז איבערגעבליבן איר צוויייעריק מיידעלע. די פייערלעשער האבן אין דעם ברענענדיקן הויז גלייך אריינגעשיקט באבן.

באב איז ארויף אויף די שטיגן, און אין א פאר מינוטן ארום האט ער זיך באוויזן, האלטנדיק צווישן די ציין דאס קליינע מיידעלע פאר'ן העמדל. די מוטער האט ארומגענומען איר קינד; און פון גרויס פרייד, וואס איר מיידעלע לעבט, האט זי זיך שטארק צעוויינט.

די פייערלעשער האבן געגלעט דעם הונט און ארומגעקוקט אים, צי ער האט זיך ערגעץ ניט צעברענט פון פייער. נאר באב האט זיך ווידער געריסן אין ברענענדיקן הויז. די פייערלעשער האבן געטראכט, אז אין הויז איז מסתמא דא נאך א לעבעדיק באשעפעניש, און האבן אים אפגעלאזן.

דער הונט איז אַרײַנגעלאָפן אין הויז און האָט זיך באַלד צו־ריקגעקערט, טראָגנדיק עפּעס צווישן די ציין. ווען די מענשן אַרום האָבן דערזען, וואָס באָב האָט דאָס מאָל געראַטעוועט פון פײַער, האָבן זיי זיך צעלאַכט: ער האָט אַרויסגעטראָגן פון פײַער אַ גרויסע פּופּע.

געראַטעוועט.

דער אַלטער הונט.

1.

אַמאָל איז געווען אַ פּאַרמער. האָט ער געהאַט אַ הונט.

אַזוי לאַנג ווי דער הונט איז געווען יונג, געקענט בילן און בײַסן און היטן זײַן הויף און די טשערעדע, האָט דער פּאַרמער אים געהאַלטן און געגעבן עסן. אָבער ווען דער הונט איז געוואָרן אַלט און האָט מער ניט געקאָנט בילן, האָט זײַן באַלעבאָס אים אויפגע־הערט צו געבן עסן און אים אַרויסגעטריבן.

איז דער הונט אַוועק אין וואַלד, זיך געלייגט אונטער אַ בוים און איז געווען גרייט צו שטאַרבן.

גײט פֿאַרבײַ אַ בער; זעט ער — אַ הונט ליגט. פֿרעגט ער אים:

— העי, הונט, וואָס ליגסטו דאָ?

— איך בין געקומען אַהער שטאַרבן פֿון הונגער. — האָט געענטפֿערט דער הונט. — זע נאָר, ווי אומגערעכט די מענשן זײַנען: אַזוי לאַנג ווי דו ביסט שטאַרק גענוג, גיבן זיי דיר עסן און טרינקען. אָבער ווי נאָר דײַן קראַפֿט פֿאַרלאָזט דיך, טרײַבן זיי דיך אַוועק פֿון הויף.

— „קום, איך וועל דיר אַרויסהעלפֿן, — האָט דער בער געזאָגט, — נאָר טו, וואָס איך וועל דיר הייסן.

„אָט וועל איך גיין און אַרויסכאַפּן דײַן באַלעבאָסטעס קינד פֿון וויגעלע. ווען דו וועסט דאָס דערזען, זאָלסטו נאָכלויפֿן נאָך מיר, אָפּנעמען בײַ מיר דאָס קינד און ברענגען עס צוריק צו דער מוטער. די מוטער וועט דיר זײַן דאַנקבאַר, וועט זי דיר געבן עסן און טרינקען, וויפֿיל דו וועסט נאָר וועלן, און זי וועט דיך שוין מער ניט אַרויסטרײַבן.“

האָבן זיי אַזוי אָפּגעמאַכט.

2.

איז דער בער אַוועק צום פֿאַרמער און האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פֿון וויגעלע. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען און שרײַען.

די מאַמע האָט דערהערט דאָס געשריי און זיך געלאָזט לויפֿן נאָכ'ן בער. אַנדערע פֿאַרמערטעס האָבן איר געהאָלפֿן נאָכיאָגן דעם בער. אָבער זיי האָבן אים ניט געקאָנט דעריאָגן. דער בער איז צוגעלאָפֿן צום וואַלד און איז דאָרטן פֿאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די ביימער.

די פֿאַרמערטעס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. די מוטער פֿונ'ם קינד האָט געוויינט, די אַנדערע פֿרויען האָבן זי געפּרואווט טרייסטן. אָבער ווי זיי שטייען אַזוי און רעדן, ערשט — דער אַלטער הונט קומט און טראָגט אין מויל דאָס קינד.

— זעט נאָר, אָט ברענגט אײַך אײַער אַלטער הונט דאָס קינד צוריק. — האָבן די פרויען אויסגערופן. אַלע זײַנען אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן דעם הונט. די מוטער האָט געכאַפּט איר קינד, האָט עס געהאַלזט און געקושט און געווייִנט פאַר פרייִד.

נאָכדעם האָט זי גענומען דעםֹ הונט, געגלעט אים און געזאָגט:

„מער וועל איך דיך שוין ניט לאָזן טרײַבן, מײַן טײַערער אַלטער פרײַנד! איך וועל דיר געבן עסן און טרינקען, וויפיל דו וועסט נאָר וועלן.“

און זי האָט גענומען דעם הונט אין הויז אַרײַן און געגעבן אים מילך צו טרינקען און ברויט צו עסן. און ווען דער פאַרמער איז געקומען, האָט אים זײַן ווײַב געזאָגט: „פון הײַנט אָן דאַרפסטו אַלעמאָל געבן עסן און טרינקען דעם הונט. דו האָסט געזאָגט, אַז ער האָט ניט מער קײַן קראַפט; אָבער אָט האָט ער אונז געראַטעוועט אונזער קינד פון אַ בער.“

פון דעמאָלט אָן איז דער הונט געבליבן בײַ זײַן באַלעבאָס אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט.

דער העלפאַנד געדענקט אַ טובה.

אין אַן אינדיש שטעטל איז געווען אַ הייִמישער העלפאַנד. ער פלעגט יעדן טאָג דורכגייִן איבער'ן מאַרק אויף אַרבעט.

אויפ'ן מאַרק איז געווען אַ גרינס-הענדלערן. ווען דער העלפאַנד פלעגט דורכגייִן, פלעגט זי אים אָפט צוװאַרפן אַ מערעלע, אַן עפּל, אַ ביסל גרינס.

אייִנמאָל איז דער העלפאַנד זייִער בייִז געוואָרן אויף זײַן באַלעבאָס פאַר זײַן שלעכטער באַהאַנדלונג. ער האָט זיך אויסגעריסן און איז מיט אַ פאַררימסענער נאָז אַוועקגעלאָפן איבער'ן שטעטל.

ער האָט געבראָכן און געשטאָכן אַלץ, וואָס ער האָט געטראָפן אויף זײַן וועג. אויפ'ן מאַרק האָט ער אומגעוואָרפן קאַסטנס און

מולטערס, געשלאָגן מענשן. די אַלע מענשן, וואָס זײַנען געווען אין מאַרק, האָבן זיך אין גרויס שרעק צעלאָפן, וואוהין די אויגן טראָגן.

די הענדלערן, וואָס פלעגט אים גאַנץ אָפט געבן אַ ביסל גרינס, האָט זיך אויך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן געוואָרן. אין איילעניש האָט זי פאַרגעסן איר מײדעלע אויף אַ באַנק בײַם קראָם. דאָס מײדעלע האָט געוויינט און געשריען פאַר שרעק.

ווען דער העלפאַנד איז צוגעלאָפן צו זײַן באַקאַנטער קראָם, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָ איז מען זיך מיט אים באַגאַנגען גוט. ער איז מיט אַמאָל אַזוי ווי צו זיך געקומען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען דאָס מײדעלע. האָט ער זי פאָרזיכטיק אויפגעהויבן און אַרײַנגעטראָגן אין קראָם. און אַליין איז ער רואיק אַוועק צוריק אַהיים.

ווי די פײגל האָבן זיך אויסגעלערנט בויען נעסטן.

פ ע ר ז א נ ע ן : סאָראָקע, אַמזל, שוואַרצפעדער, לאַכפויגל, שטאַרפויגל, שפערלינג, טירקלטויב.

אַ מ ז ל : זײַ אַזוי גוט, געערטע סאָראָקע! איך וויל דיך זייער בעטן אויסלערנען אונז, ווי צו מאַכן אַ נעסט. באַווײַז אונז, ווי דו מאַכסט דײַן נעסט. אַלע זאָגן, אַז דײַן נעסט איז געמאַכט בעסער פון אַלע אַנדערע.

ס אַ ר אָ ק ע : אַזוי גאָר? זײַער שײַן! קומט אַלע אַהער נעענטער, וועל איך אײַך ווײַזן, ווי מען מאַכט אַ נעסט. (אַלע פֿײגל רוקן זיך צונויף ענגער). איר זעט — איך נעם אַ ביסל בלאָטע און מאַך דערפֿון אַ קײַלאַכדיק פֿלעצל.

אַ מ ז ל : יאָ, אַזוי גאָר מאַכט מען עס! איצט ווײס איך שוין. איצט קען איך שוין זיך מאַכן אַ נעסט. (פֿליט אַוועק).

ס אַ ר אָ ק ע : די אַמזל איז אַוועק צו שנעל. די נעסט איז נאָך ווײַט ניט פֿאַרטיק. איצט, זעט איר, לייג איך אַוועק עטלאַכע ריטלאַך אויפֿ'ן פֿלעצל אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

ש וו אַ ר צ פֿ ע ד ע ר : איצט ווײס איך שוין, איצט ווײס איך שוין (פֿליט אַוועק).

ס אַ ר אָ ק ע : שוואַרצפֿעדער איז אויך אַוועק? זי וועט ניט קענען מאַכן קײַן רעכטע נעסט. איצט גײט נאָך אַ שיכט לײם און דאַן ווידער ריטלאַך. ריטלאַך און לײם, ריטלאַך און לײם.

ל אַ כ פֿ ו י ג ל : אָ, דאָס איז דאָך אַזוי לײַכט! (פֿליט אַוועק).

ס אַ ר אָ ק ע: לאַכפֿויגל מײנט, אַז דאָס איז שוין אַלץ. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. איצט קומען נאָך ריטלאַך אַרום און אַרום, דאַן אַרויף און אַראָפּ; דאַן אַרײַן און אַרויס, דאַן ווידער אַרום און אַרום.

ש פּ ע ר ל י נ ג : אָט, אָט, איצט פֿאַרשטײ איך שוין! (פֿליט אַוועק).

ס אַ ר אָ ק ע : אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. איך מאַך זי אינווײניק ווײך און וואַרים מיט פֿעדערן.

ש ט אַ ר פֿ ו י ג ל : דאָס וועט זיך פּאַסן פּונקט פֿאַר מיר. (פֿליט אַוועק).

ס אַ ר אָ ק ע : איז שטאַרפֿויגל שוין אויך אַוועק? אַ שאָד... עס וועט בײַ מיר איצט שוין נעמען נאָר אײן מינוט צו פֿאַרענדיקן די נעסט.

ט י ר ק ל ט ו י ב : צוויי נעם, צוויי נעם!

ס אַ ר אָ ק ע: גענוג אײנע!
ט י ר ק ל ט ו י ב: צװײ נעם, צװײ נעם!
ס אַ ר אָ ק ע: איך זאָג דיר, עס װעט גענוג זײַן אײנע!
אָבער זע נאָר, זײ זײַנען אַלע אַװעק! נאָר דו אײנע, נאַרישע טירקל-טויב, ביסט געבליבן. נו, איך האָב געענדיקט מײַן נעסט. אָבער קײנער פון זײ אַלע װעט ניט קענען מאַכן אַזאַ נעסט װי מײַנע.

דאָס פײגעלע.

זאָגט דאָס פײגעלע: „טשיר, טשיר!“
רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר מיר:
„עלנד בין איך דאָ אין שטײַג,
בענק איך נאָך אַ הויכן צװײַג.
בענק נאָך הימל, בענק נאָך לופט,
און דער װײַטער װאַלד מיך רופט.
כ׳זע אַ פײגל דרויסן פליט,
װיל איך פליען, קען איך ניט.
שרײַ איך, רוף איך: טשיר, טשיר, טשיר!
הערט זיך קײנער צו צו מיר“.

— האָסטו גאָר קײַן מאַמען ניט?
— „ערגעץ װײַט מײַן מאַמע פליט“.
— האָסטו ניט, אַזוי װי איך,
גוטע פרײַנד צו שפּילן זיך?
— „כ׳בין אַלײן דאָ טאָג און נאַכט,
פון די דראָטן שטרענג באַװאַכט.
קוק איך פון דעם שטײַג אַרויס:
ס׳איז דער דרויסן זײער גרויס,

און איך מוז אין ענגשאַפט זײַן,
אײַנגעשפּאַרט אין שווערן פּײַן".

און עס בעט מיך: „טשיר, טשיר, טשיר!
עפן אויף פאַר מיר די טיר!"
קריך איך אויפ'ן טיש אַרויף,
עפן איך דאָס טירל אויף.
זינגט עס פרײלאַך: „טשיר, טשיר, טשיר!
פון מײַן האַרצן דאַנק איך דיר!"
— „פלי געזונט דאָרט אין דער הייך
און גערים דײַן מאַמען אויך!"
פליט עס נאָכדעם ווײַט און פרײַ,
פליט די וואָלקנדלאַך פאַרבײַ.

אין ליליען־בעכער.

דרײַ לְבָנָה־שטראַלן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ ליליען־בעכער, אָנצוצינדן דאָרט די טוי־טראָפּנס, וואָס זײַנען אויפ'ן דעק פונ'ם בעכער אײַנגעפּאַסט געוועזן.

פלוצלונג האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ יונגער בין, וואָס האָט זיך אין דער בלום אַרײַן שלאָפן פאַרקליבן.

דערשפּירנדיק דאָס ליכט, האָט די בין פון שלאָף אַ ציטער געטאָן, מיט איר האָריק פּיסקעלע די אייגעלאַך אויסגעווישט און געפרעגט:

— איז שוין טאָג? און איך בין נאָך שלעפעריק.

— שלאָף נאָך, שלאָף; מיר זײַנען לבנה־שטראַלן און אָנצינדן די טוי־טראָפּן זײַנען מיר געקומען; פאַרוואָס אָבער ביסטו ניט אַוועק שלאָפן אין דײַן בינשטאָק אַרײַן?

— ניט בליצט מיר אַזוי אין די אויגן, — האָט זיך די בין גע־

בעטן, — איך בין ניט שולדיק, וואָס די אַלטע האָבן מיך היינט געשיקט צום ערשטן מאָל זאַמלען האָניק צווישן די בליאַכץ פון די לינדנביימער און מיר ניט דערציילט, אַז בלומענגערטנער זיינען פאַראַנען. אַזוי שוועבנדיק, בין איך אַהער אין גאָרטן אַריינגעקומען דאָ האָב איך זיך פאַרשטיפט מיט'ן ווינטעלע, מיט אים געשפּילט. דער טאָג איז אַריבער, און איך האָב קיין האָניק ניט געזאַמלט. איצטער האָב איך מורא זיך אַהיים צוקערן, די אַלטע זאָלן מיך ניט באַשטראָפן.

— ווילסטו, וועל איך דיר דיינע אויגן אָנצינדן, און שוועב צו דיין בינשטאָק; און אַז די אַלטע וועלן זען דיינע ליכטיקע אויגן, וועלן זיי מיינען, אַז אַ יונגע קיניגן איז געקומען, וועלן זיי דאָרט פריי אויפעפענען פאַר דיר דעם בינשטאָק.

אַזוי האָט דער ערשטער שטראַל געזאָגט.

— ניין, — האָט די בין געענטפערט, — איך וויל בעסער זיין פריי און צווישן די בלומען אַרומשוועבן, איידער צו זיין אַ קיניגן און אין דעם פינסטערן בינשטאָק שטענדיק צו זיין פאַרשפּאַרט.

— אונז האָט די מאַמע־לבנה געשיקט די טוי־טראָפּנס אָנצינדן און באַלייכטן, און אַז די נאַכט וועט אַריבער, וועט זי אונז צוריק צו זיך רופן. ווילסטו, מיר זאָלן דיך שפּעטער צו אונז אויף דער לבנה אַרויפנעמען?

אַזוי האָט דער צווייטער שטראַל געזאָגט.

— צו אייך אויף דער לבנה? ניין, איך וויל ניט. — האָט די בין געענטפערט. — אָ, ווען די זונענשטראַלן וואָלטן מיך וועלן צו זיך אויף דער זון אַרויפנעמען. אָ, די זון!

— ניט רעד פון דער זון, ניט רעד פון דער זון. — האָט דער דריטער שטראַל געציטערט. — אונזער מאַמע־לבנה האָט אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן דער זונס נאָמען ניט דערמאָנען און מיט אירע שטאָלצע שטראַלן זאָלן מיר זיך ניט שפּילן, קיינמאָל ניט שפּילן.

— ניט רעד מיט איר, ניט רעד מיט איר. — האָט דער ערשטער שטראַל געציטערט דערשראָקן.

— לאָמיר בעסער... טסס... זי שלאָפט, לאָמיר שווײַגן. — האָט דער צווייטער געוואונקען.

— טסס... זי שלאָפט, לאָמיר זיך בעסער נעמען פאַר אונזער אַרבעט. — האָט דער דריטער געבלאַנקט.

און שטיל האָבן זיי זיך גענומען גליטשן איבער די טוי־טראָפּנס און זיי באַלײַכטן.

— און בלומען וואַקסן דאָרט ביי אײַך אויף דער לבנה? — האָט נאָך פון שלאָף די בין געפרעגט.

מען האָט שוין מער ניט געענטפערט.

די בין.

פון איר קלײנעם קעמערל,
זומענדיק אַ זמר'ל,
קומט אַרויס די גאָלדענע,
רירעוודיקע בין.

זעט זי וואו אַ ביימעלע,
שפירט זי וואו אַ קווייטעלע,
שפרייטנדיג די פליגעלאַך,
לאָזט זי זיך אַהין.

זוכנדיק און שמעקנדיק,
פרואוונדיק און לעקנדיק,
אונטער יעדן גרעזעלע,
אונטער יעדן בלאַט,

נעמט זי נאָר וואָס וויכטיק איז,
ריכטיק זים און ציכטיק איז,

קלײַבט זי נאָר, וואָס נוצלאַך איז,
מײַדט זי אויס, וואָס ס׳שאַדט.

די אַרבעט האָט פאַרמאַטערט זי;
פרײלאַך אָבער פלאַטערט זי
מיט איר גרויסן אוצר׳ל
אין איר קלײנעם הויז.

ווען זי האָט געפונען שוין,
וואָס זי דאַרף אין זונענשײַן,
אַרבעט זי אין פינסטערניש
זיסן האָניק אויס.

די בין און די רויז.

ס׳האָט אויסגעשײַנט די זון. די רויז האָט פאַנאַנדערגעלאָזן אירע בלומען־בלעטעלאַך און פאַרשפּרײט אַרום זיך אַ זיסן, געשמאַקן ריח. די בין האָט דערשמעקט דעם ריח און איז צוגעפלויגן צו דער רויז. זי האָט דערזען בײַ דער רויז אַ פולן בעכערל מיט זיסן זאַפט און האָט געפרעגט: „פאַר וועמען, טײַערע רויז, זאַמלסטו דעם זיסן זאַפט?“

— פאַר דיר — האָט געענטפערט די רויז — און פאַר די אַלע, וואָס אַרבעטן פלײַסיק, ווי דו.

די בין האָט זיך אָנגעזויגן מיט׳ן זאַפט, וואָס האָט זיך אין איר פאַרוואַנדלט אין האָניק, האָט אָפּגעדאַנקט דער רויז און איז אַוועקגעפלויגן.

אויפ׳ן פעלד האָט די בין דערזען אַן ערד־אַרבעטער, וואָס האָט געאַקערט זײַן פעלד. פון היץ און פון אַרבעט איז ער געווען באַדעקט

מיט שוועים. די בין איז צו אים צוגעפלויגן און האָט אים מכבד געווען מיט אַ ביסעלע האָניק. דער ערד־אַרבעטער האָט זיך דערקוויקט און ער האָט געלאָזן זײַן אַקער און איז געגאַנגען זען, וואו די בין נעמט איר טײַערן מאכל. און ער האָט באַמערקט, ווי די בין פליט צו פון צײַט צו צײַט צו דער רויז און זופּט זיך אָן פון איר זיסן זאַפט.

איז ער אויך צוגעגאַנגען צו דער רויז; נאָר ווי די רויז האָט אים דערזען, איז זי פאַרציטערט געוואָרן.

— „וואָס ציטערסטו אַזוי?“ — האָט די בין זי געפרעגט.

— איך זע מײַן מחבל! — האָט די רויז געענטפערט.

— „זײַ רואיק, טײַערע רויז, און האָב קיין מורא ניט. — האָט די בין געזאָגט. — ער וועט אַזאַ שײנער בלום, ווי דו, קיין שלעכטס ניט טאָן“.

— אָ, דו ביסט נאָך צו יונג, גוטע בין, און קענסט ניט אָט די צווײ־פיסיקע חיה...

אין דעם ווי זײ רעדן, איז צוגעגאַנגען דער מענש און האָט אָפּגעקניפּן די רויז.

די בין איז אונטערגעשפּרונגען פאַר צאָרן אויף דעם האַרטהאַרציקן און שלעכטן מענשן. און פון דאַמאָלסט אָן האָט זי אויפגעהערט צו געבן דעם מענשן איר האָניק מיט גוטן. און וויל דער מענש נעמען איר האָניק מיט גוואַלד, בײַסט אים די בין מיט כעס און האַס.

דער עפּלבוים און דער רויזנשטרויך.

א רויזנשטרויך איז געוואַקסן ניט ווײַט פון אַן עפּלבוים. דער רויזנשטרויך איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס מענשן לויבן אים, און האָט אײנמאָל אַזוי געזאָגט:

— ווער קאָן זיך מיט מיר פאַרגלײַכן? מײַנע בלומען זײַנען אַ פאַרגעניגן פאַר'ן אויג און האָבן אַ פראַכטיקן ריח. אמת, דער עפּלבוים איז גרעסער פון מיר, אָבער פון אים האָט קײנער קײן הנאה ניט.

דער עפּלבוים האָט זיך אָפּגערופן:

— אמת, דײַנע בלומען זײַנען טאַקע שײן און האָבן אַ געשמאַקן ריח; דערפאַר האָב איך אַ בעסער האַרץ, אײדער דו.

פרעגט אים דער רויזנשטרויך:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס טוסטו עפּעס פאַר אַזוינע גרויסע חסדים, וואָס דו באַרימסט זיך מיט דײַן גוט האַרץ?

ענטפערט דער עפּלבוים:

— ווען דו גיסט דעם מענשן דײַנע בלומען, מוזסטו אים פריער אַ שטאָך טאָן מיט דײַנע דערנער; אָבער איך גיב מײַנע פּירות אפילו אַזוינעם, וואָס וואַרפט אויף מיר שטײנער.

דער קריג פון די בײמער.

די בײמער האָבן זיך אײנמאָל צעאַמפּערט צווישן זיך: ווער פון זיי איז בעסער?

דער דעמב האָט געזאָגט: „איך בין קײסער איבער אַלע בײמער. מײַן וואָרצל זיצט טיף אין דער ערד; מײַן שטאַם קאָנען דרײַ מענשן ניט אַרומנעמען, און דער קאָפּ מײַנער קוקט אין הימל אַרײַן. מײַנע בלעטער זײַנען שײן אויסגעשניצט, מײַנע צווײַגן זײַנען ווי

אײַזן פּעסט. איך נײַג זיך ניט פאַר קײַן שטורעם, איך בײַג זיך ניט פאַר קײַן געװיטער“.

דער עפּלבוים האָט דערהערט, װי דער דעמב באַרימט זיך, און האָט געזאָגט: „באַרים זיך ניט, דעמבוש! אמת, דו ביסט גרױס און דיק, דערפאַר װאַקסן אױף דיר נאָר אײכלען, אַ מאכל נאָר פאַר חזירים. זע אָבער מײַנע רױטינקע עפּלאַך: זײ טרעפן זיך אפילו בײַם קײסער אױפ'ן טיש“.

„באַרימט זיך, באַרימט זיך!“ — האָט זיך די סאָסנע אַרײַנגעמישט. — „אָט באַלד װעט קומען דער װינטער, װעט איר בײדע בלײַבן הױלע און פרירן. און איך װעל אַלץ זײַן באַדעקט מיט מײַנע גרינע נאָדלען. איך זע אין מײַן נאָדלען־קלײד אפילו ניט זײער שײן אױס, דערפאַר אָבער װאָלטן אָן מיר די מענשן ניט געקאָנט אױסקומען: איך הײץ זײ די אױװנס און בױ זײערע הײַזער“.

דער טענענבױם.

אין אַ װאַלד איז געװאַקסן אַ טענענבױם.

װי אַלע טענענבײמער, האָט ער געהאַט ניט קײַן בלעטער, נאָר נאָדלען.

האָט דער בױם געזאָגט:

„מיר געפעלן ניט די נאָדלען מײַנע. אַלע בײמער אין װאַלד האָבן שײנע בלעטער. איך װאָלט אױך װעלן האָבן בלעטער. אָבער אױב שױן בלעטער, זאָלן דאָס זײַן שענערע און בעסערע בלעטער, װי בײַ אַלע אַנדערע בײמער. איך װאָלט װעלן האָבן גאָלדענע בלעטער.“

בײַנאַכט איז דער בױם אײַנגעשלאָפן. און װען ער האָט זיך אױפגעכאַפּט אין דער פרי, ערשט אַלע זײַנע צװײַגן זײַנען באַדעקט ניט מיט גרינע נאָדלען, נאָר מיט גאָלדענע בלעטער.

דער בױם איז געװען זײער צופרידן.

„איצט בין איך שענער פון אַלע אַנדערע בײמער, — האָט ער

געטראַכט, — איצט בין איך שענער פון אַלע ביימער אין וואַלד. קיינער פון זיי האָט ניט אַזעלכע גאָלדענע בלעטער, ווי איך.“

מיטאָגצייט איז אין וואַלד, פאַרביי דעם בוים, דורכגעגאַנגען אַ מענש מיט אַ טאַש איבער'ן פּלייצע. ער האָט דערזען די גאָלדענע בלעטער און האָט זיך שטאַרק דערפרייט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען דעם טאַש, אַראָפּגעפליקט די גאָלדענע בלעטער אַלע ביז איינעם, אַריינגעשאָטן זיי אין טאַש אַריין און איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיי.

דער בוים האָט געציטערט די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט געפליקט זיינע גאָלדענע בלעטער. און ווען ער איז געבליבן אַ הוילער, האָט ער אויסגערופן:

„איך וויל ניט מער קיין גאָלדענע בלעטער. מענשן וועלן זיכער ווידער קומען און אַוועקנעמען זיי. איך וויל האָבן גלעזערנע בלעטער.“

ביינאַכט איז דער בוים איינגעשלאָפן. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי — ערשט אַלע זיינע צווייגן זיינען באַדעקט מיט גלעזערנע בלעטער.

די בלעטער האָבן געשיינט אויף דער זון און זיינען געווען זייער שיין. קיין אַנדער בוים האָט ניט געהאַט אַזעלכע שיינע בלעטער. און אונזער בוים איז געווען צופרידן.

אָבער מיטאָגצײַט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט, אַ שטורעמווינט. ער האָט געבלאָזן און געטרייסלט דעם בוים. די גלעזערנע בלעטער פֿון בוים זײַנען אַלע אַראָפּגעפֿאַלן און האָבן זיך צעבראָכן.

דער בוים איז ווידער געבליבן הויל, אָן בלעטער. ער איז געווען זייער טרויעריק. און ער האָט בײַ זיך געטראַכט:

„איך וואָלט בעסער געווען צופֿרידן, ווען איך וואָלט געהאַט אייִנפֿאַכע גרינע בלעטער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ביימער אין וואַלד."

בײַנאַכט איז דער בוים אײַנגעשלאָפֿן. און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, האָט ער געזען, אַז ער איז באַדעקט מיט געוויינלאַכע גרינע בלעטער, אַזוי ווי די אַנדערע ביימער אין וואַלד.

דער בוים איז געווען צופֿרידן מיט די גרינע בלעטער.

אָבער מיטאָגצײַט איז פֿאַרבײַ דעם בוים דורכגעגאַנגען אַ ציג. די ציג איז געווען זייער הונגעריק, האָט זי אָפּגעגעסן אַלע בלעטער פֿונ׳ם בוים. און דער בוים איז ווידער געבליבן הויל.

דעמאָלט האָט דער בוים געטראַכט בײַ זיך:

„איך דאַרף ניט האָבן קיין בלעטער: ניט קיין גילדערנע, ניט קיין גלעזערנע און ניט קיין אייִנפֿאַכע גרינע. דער מענש וועט זיי נאָך ווידער אַראָפּפּליקן, אָדער דער ווינט וועט זיי אַראָפּטרייסלען, אָדער אַ ציג וועט זיי אָפּעסן. איך וויל בעסער מײַנע אייגענע נאָדלען."

בײַנאַכט איז דער בוים אײַנגעשלאָפֿן. און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, איז ער אַזוי ווי אַמאָל געווען באַדעקט מיט גרינע נאָדלען.

און דער טענענבוים איז איצט געווען צופֿרידן און גליקלאַך.

דער פוקס און דער וואָלף.

1.

דער וואָלף האָט באַגעגנט דעם פוקס און געזאָגט צו אים:

— איך וועל דיך צערײַסן, פוקס! — איך בין זײער הונגעריק.

ענטפערט אים דער פוקס:

— נאַר אײנער! אויב דו ווילסט עסן, טאָ קום מיט מיר, וועל איך דיר געבן אַ מאָלצײַט, וואָס דעם קײסערס מ א כ ל י ם קענען זיך צו אים ניט גלײַכן. הײַנט איז דאָך פרײַטאָג, און די אידן גרײטן אָן אויף ש ב ת געריכטן, וואָס בײַ קײנעם איז ניטאָ זײער גלײַכן. קום זשע, מיר וועלן זײ העלפן מאַכן ש ב ת, וועלן זײ אונז אויך מְכַבֵּד זײַן מיט געפילטע פיש, מיט געדעמפטע פלײש און מיט אַנדערע געריכטן, וואָס דו האָסט דאָס אויף דײַן לעבן נאָך קײנמאָל ניט געגעסן.

זײַנען זײ בײדע אַוועק און זײַנען געקומען צו אַ הויף. דער פוקס איז אַרײַנגעשפּרונגען אין הויף אַרײַן און האָט געזאָגט:

— איך וועל, ברודערל, בלײַבן דאָ איצט קלײַבן שפּענער פאַר דער באַלעבאָסטע. און דו גײ איר אַנטקעגן און העלף איר ברענגען אַהײם די פיש און דאָס פלײש, וואָס זי האָט אײַנגעקויפט אין מאַרק אויף ש ב ת.

דער וואָלף האָט זיך געלאָזט גײן אין מאַרק אַרײַן. ווי מען האָט אים נאָר דערזען אין גאַס, זײַנען זיך אַלע אידן צונויפגעלאָפן מיט שטעקנס, קאָטשערעס, לאָפּעטעס און העק און האָבן אים צע־שלאָגן און צעבײַלט. קוים אַ לעבעדיקן האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן זיך און אַנטלויפן.

דערווײַל איז דער פוקס אַרײַן אין שטאַל, האָט זיך אויסגע־קליבן אַ פעטע גאַנז און אַוועקגעטראָגן זי צו זיך אין נאָרע. ער האָט זיך אָנגעגעסן צו זאַט, זיך גוט אויסגעגענעצט און געזאָגט:

— די אידן האָבן שוין געוויס אײַנגעזאַלצן די פעל פון מײַן

פרײַנד. איך האָף, עס וועט פון איר אַרויסקומען אַ גוטער פעלץ. איך וועל זיך מיר צושפּאַרן אַ דרימל טאָן.

ער איז אַוועק און זיך געלייגט שלאָפן.

2.

דער פוקס איז נאָך ניט אַנטדרימעלט געוואָרן, ווי דער וואָלף איז אויסגעוואַקסן פאַר אים ווי פון אונטער דער ערד. ער שטייט און וואַיעט פון ווייטיק און הונגער.

— וואָס מאַכסטו, ברודערל מײַנער! — רופט זיך אָפּ דער פוקס. — דו האָסט זיך אָנגעגעסן מיט די שבת׳דיקע געריכטן און איצט זינגסטו.

— אָ, דו אומפאַרשעמטער ליגנער! — האָט געוואַיעט דער וואָלף: — קלעפּ האָב איך געקראָגן, ניט קיין עסן!... דו ביסט זיך אַוועק אַהער שלאָפן, און מיך האָסטו אין שטאָט געלאָזן, און דאָרט האָט מען מיך צעשלאָגן און צעבײַלט גאָר אומזיסט און אומנישט; קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר.

„און איצט וויל איך פון קיין זאַך ניט וויסן! — האָט דער וואָלף אויסגעשריען: — עסן וויל איך. און אויב דו וועסט מיר ניט געבן, וועל איך דיך אויפפרעסן!“

— צי דען ביסטו נאָך הונגעריק, מײַן טײַערער? — האָט דער פוקס פאַרוואונדערט געפרעגט. — איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט. לייג זיך דאָ צו, טײַערינקער! איך וועל גיין דיר ברענגען עסן צו זאַט.

— איך גלויב דיר ניט, ליגנער! — האָט אויסגעשריען דער וואָלף: — אויב דו וועסט מיר ניט געבן קיין פלייש צום עסן, וועל איך דיך אויפעסן!

3.

זיי זײַנען ביידע אַרוים פון נאָרע. דער פוקס איז געלאָפן פאָרויס. ער האָט זיך געטראַכט: „לאָמיך אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן פון דעם גזלן, וואָס וויל מיר דאָס לעבן נעמען“. נאָר דער וואָלף

יז ניט אָפּגעטראָטן פון אים און איז אים נאָכגעלאָפן טריט אין
רים.

אַ גאַנצן טאָג איז דער פוקס געלאָפן איבער בערג און טאָלן,
לדער און פעלדער, און דער וואָלף נאָך אים מיט אַן אָפן מויל.
 האָט געקריצט מיט די ציינער און שרעקלאַך געוואָיעט. אין
ונט זיינען זיי געקומען אין אַ דאָרף. דאָרט איז געווען אַ ברונען,
יפ'ן ברונען אַ ראָד, אויפ'ן ראָד — אַ שטריק מיט צוויי עמערס;
 מען לאָזט איין עמער אַראָפּ, גייט דער צווייטער אַרויף. רופט זיך
 דער פוקס צום וואָלף: „קום נאָר אַהער, ברודערל! זעסט, אַז
ן זכט, געפינט מען! אָט אין דעם ברונען איז צוגעגרייט דער מאָל-
יט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.“

דער וואָלף איז צוגעגאַנגען. דער פוקס האָט אים אָנגעוויזן
יף דער לבנה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם וואַסער פון
ונען און האָט אויסגעזען ווי אַ קיילאַכדיקער קעז, און האָט צו אים
זאָגט:

— זיי נאָר אַזוי גוט, מיין פריינד, און נעם, עס פון אָט דעם
ז, פיל דיין האַרץ געלוסט, און זאָל דיר וואויל באַקומען.

נאָר דער וואָלף איז שוין איצט געווען פאָרזיכטיקער און האָט
זאָגט צום פוקס:

— גיי דו פריער, און איך וועל גיין נאָך דיר.

דער פוקס האָט זיך אַריינגעזעצט אין עמער און האָט זיך
אָפּגעלאָזן אונטן, און דער אונטערשטער עמער איז אַרויף אויבן.
ר פוקס האָט פון ברונען אַרויסגעשריען:

— אָט איז אויך פאַר דיר, מיין טייערער, אַן עמער! זעץ זיך
ן לאָז זיך אַראָפּ! דער קעז איז פעט, ווי פּוטער, און זיס, ווי האָניק.

דער וואָלף איז גיך אַריינגעשפּרונגען אין עמער; מיט זיין
וערן גוף האָט ער אַראָפּגעצויגן דעם עמער אין דער טיפעניש פון
ונען און אַרויפגעצויגן דעם עמער מיט'ן פוקס אויבן.

— און איצט זיץ זיך דאָרטן! — האָט אויסגעשריען דער פוקס
ן איז אַנטלאָפן געוואָרן.

דער וואָלף און דער מענש.

1.

איינמאָל האָט אַ פוקס באַגעגנט אַ וואָלף. דאָס איז געווען טיף אין וואַלד.

פרעגט דער פוקס: „האָסטו, וואָלף, ווען עס איז געזען אַ מענשן?“

— ניין; — האָט דער וואָלף געענטפערט; — נאָר איך האָב געהערט, אַז עס איז דאָ אַזאַ באַשעפעניש. ער האָט נאָר צוויי פיס, און ער קען דעריבער זיכער ניט פיל אויפטאָן.

— ער קאָן שוין גראָד טאָן אַלצדינג. — האָט דער פוקס אויסגערופן. — און דער איינציקער מיטל אויסצוקומען מיט דעם מענשן איז דורך כיטרעקייט, אַזוי ווי איך טו.

— און איך האַלט זייער ווייניק פון כיטרעקייט, — האָט דער וואָלף געזאָגט, — אַז איך וועל אַמאָל באַגעגענען אַ מענשן, וועל איך אויף אים גלייך אָנפאַלן.

— טו ווי דיר געפעלט. — האָט דער פוקס געזאָגט. — אויב דו ווילסט, קאָנסטו מאָרגן גיין מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן אַ מענשן.

— זייער פיין. — האָט דער וואָלף צוגעשטימט. און אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז דער וואָלף געקומען אויפ'ן זעלבן פּלאַץ.

דער פוקס איז שוין דאָרטן געווען. ער האָט אַוועקגעפירט דעם וואָלף צו אַ וועג ביים ברעג וואַלד.

יעדן טאָג פלעגן אויף דעם וועג דורכגיין מענער, פרויען און קינדער.

— איצט ליג דאָ שטיל. — האָט דער פוקס געזאָגט. — באַלד וועסטו זען אַ מענשן.

2.

דער ערשטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אויפ'ן וועג, איז געווען אַן אַלטער אויסגעדינטער סאָלדאַט. ער האָט אין קריג פאַרלאָרן איינע פון זיינע הענט.

דער וואָלף האָט אים דערזען און געפרעגט: „איז דאָס אַ מענש?“

— ניין, — האָט געענטפערט דער פוקס, — דאָס איז נאָר אַ געוועזענער מענש.

נאָכדעם איז פאַרבייגעגאַנגען אַ אינגל. ער האָט געטראָגן זיינע ביכער אונטער'ן אָרעם, ער איז געגאַנגען אין שול.

דער וואָלף האָט אים דערזען און געפרעגט: „איז דאָס אַ מענש?“

— ניין, — האָט געענטפערט דער פוקס, — ער וועט ערשט אַמאָל זיין אַ מענש.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן אויפ'ן וועג אַ יעגער. ער האָט געהאַלטן זיין ביקס אויפ'ן אַקסל. אויף איין זייט איז ביי אים געהאַנגען אַ האָרן מיט שראָט און אויף דער אַנדערער — אַ לאַנג מעסער.

דער פוקס האָט אים דער ערשטער דערזען און געזאָגט צום וואָלף:

— זעסט, אָט קומט אָן אַ מענש!

— אַזוי? זייער פיין. — האָט דער וואָלף געזאָגט.

— אויב דו ווילסט, קאָנסטו אויף אים אָנפאַלן, ווען ער גייט פאַרביי. — האָט דער פוקס געזאָגט. — אָבער איך מוז לויפן אַהיים.

דער וואָלף האָט גלייך אַ שפרונג געטאָן אויפ'ן יעגער.

דער יעגער איז אָפּגעשפרונגען אויף אַ זייט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אַ שאָד, וואָס איך האָב אָנגעלאָדן די ביקס מיט שראָט און ניט מיט אַ קויל“.

ער האָט זיך אָבער צוגעצילט און אויסגעשאָסן דעם וואָלף אין קאָפּ אַריין.

דער וואָלף האָט אָנגעהויבן וואויען פון ווייטיק. ער האָט זיך אָבער באַלד צוגעגרייט נאָך אַמאָל אַ שפרונג צו טאָן.

דער יעגער האָט ווידער אויסגעשאָסן.

דער וואָלף האָט דערפילט דעם שטאָך פון דעם שאָס אין זיין

אַקסל. אָבער ער האָט ניט געקוקט אויפ'ן ווייטיק און האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפ'ן יעגער.

דעמאָלט האָט דער יעגער אַרויסגענומען זיין לאַנג מעסער. און ער האָט געגעבן דעם וואָלף אַזאַ שאַרפן שניט, אַז יענער האָט באַשלאָסן באַלד אויפצוגעבן דעם קאַמף און איז גלייך אַנטלאָפן געוואָרן.

3.

דער וואָלף איז אַנטלאָפן געוואָרן טיף אין וואַלד אַריין. ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן אויף הינטער.

ער איז געווען ניט שטאַרק פאַרוואונדעט; נאָר ער האָט זיך געשראָקן פאַר'ן מענשן.

ער איז געלאָפן און געלאָפן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בוים אָפּרוען אַ ביסל.

און באַלד איז ביים בוים אויך געווען דער פוקס.

— נו, ברודער וואָלף, — האָט ער געפרעגט, — ווי געפעלט דיר דער מענש? דו זעסט אוים אַזוי, ווי דו וואָלסט זיך מיט אים געהאַט באַגעגנט.

— ע, ער איז גאָר ניט שטאַרק, — האָט דער וואָלף געזאָגט, — יעדער איינער קאָן דאָס גלייך באַמערקן. נאָר ער באַגייט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע, און צוליב דעם בין איך אַנטלאָפן פון אים.

„צוערשט האָט ער אַראָפּגענומען אַ שטעקן פון זיין אַקסל און האָט אין אים אַריינגעבלאָזן; זיינען פון שטעקן אַרויסגעפלויגן עפּעס קליינטשינקע זאַכן אַזעלכע און האָבן מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער מיין געזיכט. זיי האָבן געשטאָכן ווי דערנער.

„איך האָב אַ שפּרונג געטאָן אויף אים, האָט ער נאָך אַמאָל אַ בלאָז געטאָן אין זיין שטעקן. איז אַ גאַנצער פּאַק הייסע שטיינדלאַך באַפאַלן מיינע אויערן.

„נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ שאַרפן ביין פון זיין קערפּער און האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער נאָז.

„וואָס האָב איך געקענט טאָן? בין איך אַנטלאָפן געוואָרן".

— נו יאָ, — האָט דער פוקס געזאָגט, — דו קענסט רײדן זײער שײן, אָבער אַ העלד ביסטו ניט קײן גרעסערער ווי יעדער אַנדערער פון אונז.

שימעלע נאַר.

שימעלע איז געווען זײער אַ נאַרישער אינגל. זײַנע חברים פלעגן פון אים לאַכן; און זײַנע עלטערן פלעגט זײער שטאַרק פאַרדריסן, וואָס שימעלע איז אַזוי נאַריש. אין שטאָט האָט ער געהאַט אַ צונאָמען „שימעלע שלימאַזל“. און אַז ער פלעגט גײן אין גאַס, פלעגן אַלע אויף אים טײַטלען מיט די פינגער און זאָגן: „אָט דאָס גײט ער, שימעלע שלימאַזל“.

איבערהויפט האָט זײַן מוטער געהאַט פון אים זײער פיל פאַרדראָס, ווײַל אַלץ, וואָס זי פלעגט אים הײסן טאָן, פלעגט ער טאָן פונקט פאַרקערט. ניט ווײַל ער האָט געוואָלט טאָן פאַרקערט, נאָר ווײַל ער איז געווען נאַריש און האָט בײַ זײַן בעסטן ווילן ניט פאַרשטאַנען צו טאָן אַ זאַך ריכטיק, ווי מען הײסט אים.

אײנמאָל האָט דער שנײַדער געבראַכט פאַר שימעלען אַ נײַעם אַנצוג. די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף שימעלען און געזען, אַז דער אַנצוג פּאַסט אים זײער גוט; האָט זי אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט און געזאָגט:

„טראָג געזונט, מײַן קינד! מיר זאָלן דערלעבן דיר צו נײען ח ת ו נ ה-קלײדער“.

שימעלע האָט זײַן מוטער אַ פ י ל ו קײַן דאַנק ניט געזאָגט; אָבער ער האָט אירע ווערטער גוט אַרײַנגענומען אין קאָפּ און זיך באַמיט זײ צו געדענקען.

אין עטלאַכע וואָכן אַרום האָט די מוטער באַקומען אַ נײַ קלײד. שימעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן מוטער אין איר נײַ קלײד און זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף איר עפּעס זאָגן.

„טראָג געזונט, מאַמע“! — האָט ער געזאָגט. — „מיר זאָלן דערלעבן דיר צו נייען חתונה־קליידער“.

— „דו נאַרישער אינגל!“ — האָט די מוטער אויסגערופן. — „איך וויל ניט חתונה האָבן נאָך אַמאָל. איך וויל, אַז דיין פאָטער זאָל לעבן און לעבן זייער לאַנג“.

„טאָ וואָס דאַרף מען זאָגן אַז מען זעט אַ מענשן אין ניי קליידער?“ — האָט שימעלע געפרעגט.

— „מען זאָגט: פאַרניצט געזונטערהייט“. — האָט די מוטער אים געלערנט.

אַ טאָג שפּעטער האָט שימעלע געזען, ווי אַ מענש טראָגט תּכריכים (טויטן־קליידער) פאַר אַ טויטן.

„פאַרניצט עס געזונטערהייט“. — האָט שימעלע צו אים געזאָגט.

דער מאַן איז געוואָרן בייז; האָט ער געכאַפּט שימעלען און אים גוט אָנגעשלאָגן.

שימעלע איז געקומען אַהיים אַ וויינענדיקער און האָט דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען, און ווי דער מאַן האָט אים געשלאָגן.

„האָסט ניט גוט געטאָן, מיין קינד!“ — האָט די מוטער אים פאַרגעהאַלטן. — „האָסט געדאַרפט גיין אין הויז פון דעם פאַרשטאָרבענעם און זאָגן: „זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גַן־עֵדֶן!“

שימעלע האָט עס גוט אַריינגענומען אין קאָפּ און פְּדֵי די ווערטער ניט צו פאַרגעסן פלעגט ער שטענדיק אַרומגיין און זאָגן צו זיך: „זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן! זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן!“

אַ וואָך שפּעטער האָט אים זיין מוטער גענומען אין אַ הויז, וואו עס איז געבאָרן געוואָרן אַ אינגעלע. ווי נאָר שימעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם ניי־געבוירענעם אינגעלע, האָט ער געזאָגט:

„זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן!“

די אידן, וואָס זיינען געוועזן דערביי, האָבן אים געוואָלט אָנ־

רײַסן אַן אויער; אָבער זײַן מוטער האָט אים שנעל גענומען פאַר'ן הענטל און אים אַרויסגעפירט פון דאָרט.

„דו נאַרישער שימעלע!“ — האָט די מוטער געשריען אויף אים. — „שטענדיק זאָגסטו ניט די ריכטיקע זאַך אויפ'ן ריכטיקן אָרט“.

— „וואָס דען האָב איך געזאָלט זאָגן?“ — האָט שימעלע געפרעגט.

„האָסט געדאַרפט זאָגן“: — האָט די מוטער דערקלערט: — „ה ל ו ו א י זאָלן מיר אָפט גײַן אײַנע צו די אַנדערע אויף אַזעלכע שׂ מ ח ו ת“.

— „איך וועל דאָס געדענקען, מאַמע!“ — האָט שימעלע פאַרשפּראָכן. — „מער וועל איך שוין אַזאַ ט ע ו ת ניט מאַכן“.

די זעלבע וואָך איז אין שטאָט געוועזן אַ ש ר פ ה. שימעלע איז אויך געלאָפן זען דאָס פײַער. ווען ער איז אַהין געקומען האָט ער געזאָגט צו די מענשן:

„ה ל ו ו א י זאָלן מיר אָפט גײַן אײַנע צו די אַנדערע אויף אַזעלכע שׂ מ ח ו ת!“

די פײַערלײַט האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער. שימעלע איז געקומען אַהיים נאַס ווי אַ האָן. ער האָט דערציילט זײַן מוטער, וואָס מיט אים איז געשען, און זיך באַקלאָגט:

„איך זאָג שטענדיק, ווי דו לערנסט מיך, אָבער די מענשן געפעלט דאָס ניט“.

— „דאָס איז — ווײַל דו זאָגסט ניט די ווערטער אין דעם ריכטיקן אָרט.“ — האָט די מוטער דערקלערט.

„וואָס דען האָב איך געזאָלט זאָגן?“ — האָט שימעלע געפרעגט.

— „ווי דו האָסט געזען דאָס פײַער, האָסטו געדאַרפט לויפן איבער די גאַסן און שרײַען: „עס ברענט, מענשן, ראַטעוועט!“

שימעלע איז אַרומגעגאַנגען און האָט איבערגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער צו זיך אַ ס ך מאָל, ביז ער איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט זיי ניט פאַרגעסן.

פרײַטאָג אין אָוונט, אַז שימעלעס מוטער האָט אָנגעצונדן שבת-ליכט, איז שימעלע אַרויס אין גאַס און געמאַכט אַ געשרײַ:
„עס ברענט! מענשן, ראַטעוועט!"

עס זײַנען אָנגעלאָפן פיל מענשן, און די פײַערלײַט זײַנען אויך געקומען, און ווען זיי האָבן געזען, אַז שימעלע האָט זיי אָפּגענאַרט, האָבן זיי אים געוואָלט באַשטראָפן. אָבער זײַן מוטער האָט אים צוגענומען און באַהאַלטן.

„וואָס וועט פון דיר זײַן?" — האָט די מוטער געזאָגט צו שימעלען. — „דו וואַקסט אַזאַ געפערלאַכער נאַר; עס איז דאָך פון דיר גאָרניט אויסצוהאַלטן. עס איז שוין בעסער, אַז דו זאָלסט שווײַגן. אַז אַ נאַר שווײַגט, קען מען מיינען, אַז ער איז אַ קלוגער. זאָלסט בעסער אינגאַנצן שווײַגן".

איצט האָט זיך שימעלע גוט אַרײַנגענומען אין קאָפּ מער גאָרניט צו זאָגן, נאָר שווײַגן. עס מאַכט ניט, וואָס עס וועט פּאַסירן.

איינמאָל, אַז שימעלע האָט זיך געשפּילט מיט זײַן קליין ברודערל אין גאַס, איז דאָס ברודערל אַרײַנגעפאַלן אין אַ זומפּ און איז דאָרט געבליבן שטעקן ביז'ן האַלז. שימעלע האָט אים פּרובירט אַרויסשלעפּן, אָבער זעענדיק, אַז ער קען ניט, האָט ער אים דאָרט געלאָזט שטעקן און איז געקומען אַהיים אַליין. ווען די מוטער האָט אים געפרעגט, וואו דער ברודערל איז, האָט שימעלע געענטפערט, אַז ער שטעקט אין אַ זומפּ.

די מוטער איז אַוועק אים אַרויסנעמען. זי האָט אים לאַנג געדאַרפט אָפּוואַשן, ביז זי האָט אים ריין געמאַכט. נאָכדעם האָט זי געפרעגט שימעלען:

„אַז דו האָסט אים ניט געקענט אַרויסנעמען, וואָרום האָסטו ניט געמאַכט אַ געשריי, מענשן זאָלן קומען ראַטעווען?"

— „דו האָסט דאָך מיר פאַרזאָגט, אַז איך זאָל בעסער שווײַגן," — האָט שימעלע געענטפערט, — „האָב איך געשוויגן".

„אַן אומגליק!" — האָט די מוטער אויסגערופן. — אַ נאַר, אַז ער שווײַגט, זעט מען אויך, וואָס פאַר אַ נאַר ער איז!"

דער שטערנבער.

א.

פאַרצײַטן, שוין זײַער לאַנג צוריק, איז געוואָרן אויף דער ערד אַ גרוים טריקעניש. אַלע וואַסערן — אַלע טײַכן, אַלע רעזערוואוארן, אַלע ברונעמס — זײַנען אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. און פאַרוועלקט זײַנען געוואָרן אַלע בײַמער און בײַמעלאַך און בלומען און גרעזער. און מענשן און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן זײַנען געשטאָרבן פון דאָרשט.

איז אַמאָל פון אַ הויז אַרויסגעגאַנגען אַ מײַדעלע מיט אַ קריגל אין האַנט — זוכן ערגעץ וואַסער פאַר איר קראַנקער מוטער. האָט זי אָבער אין ערגעץ קײַן טראָפּן וואַסער נישט געפונען. און שרעקלאַך מיד איז זי שוין געווען, האָט זי זיך געלייגט אויפ׳ן פעלד אינ׳ם אויסגעטריקנטן גראָז און איז פון מידקײַט אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָס מײַדעלע איז לאַנג געשלאָפן. און אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס קריגל און... שיר נישט פאַרגאָסן דאָס וואַסער פון אים: אַזוי פול איז עס געווען מיט גוט קלאָר וואַסער. האָט זיך דאָס מײַדעלע דערפרייט און זיך שוין געוואָלט אָנטרינקען מיט׳ן פרישן וואַסער. נאָר זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז עס וועט נאָך דערנאָך פעלן פאַר דער מוטער. האָט זי שוין נית געטרונקען און איז אַהיים געלאָפן מיט׳ן קריגל.

זי איז אַזוי געשווינט געלאָפן, אַז זי האָט נישט באַמערקט אויף׳ן וועג אַ הינטל בײַ אירע פיס. זי האָט זיך דערויף אָנגעשלאָגן און אַראָפּגעלאָזט דאָס קריגל. דאָס הינטל האָט אַ ווייִנענדיקן קוויטש אַרויסגעלאָזט, און דאָס מײַדעלע האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן קריגל.

זי האָט געמיינט, אַז דאָס וואַסער פון קריגל איז שוין פאַרגאָסן. נאָר ניין, — דאָס קריגל איז אויף דער ערד געשטאַנען, און קײַן איין טראָפּן וואַסער איז פון אים נישט פאַרגאָסן געוואָרן. האָט

דאָס מײדעלע אָנגעגאָסן אַ ביסעלע וואַסער אויף דער האַנט און גע־געבן דעם הינטעלע. דאָס הינטעלע האָט געלעקט און זיך געפרײט.

ב.

דאָס מײדעלע האָט ווידער גענומען דאָס קריגל אין האַנט. — ערשט עס איז פון אַ הילצערן קריגל געוואָרן אַ זילבערנס.

לויפט דאָס מײדעלע אַהײם און דערלאַנגט דער מוטער דאָס קריגל מיט וואַסער. זאָגט איר די מוטער: „איך בין אַזוי שוואַך, מײַן ליב קינד, אַז איך וועל שוין סײַ ווי מער ניט לעבן; נעם דו בעסער און טרינק אַלײן“. און אין דער מינוט איז פונ׳ם זילבערנעם קריגל געוואָרן אַ גאָלדנס.

אָבער דאָס מײדעלע איז שוין אַזוי פאַר׳חל׳ש׳ט געווען פון דאָרשט, אַז זי האָט זיך מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און שוין גע־וואָלט נעמען דאָס קריגל צום מויל און טרינקען. נאָר פונקט אין דער מינוט עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן אַן אַלטער מאַן און בעט, מען זאָל אים געבן אַ טרונק. האָט דאָס מײדעלע פאַרשטיקט אין זיך דעם דאָרשט און דערלאַנגט דעם אַלטן מאַן דאָס קריגל וואַסער. און דאָ זײַנען פון קריגל פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען זיבן גרויסע בריליאַנטן, און עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ גאַנצער שטראָם מיט פריש וואַסער.

און די בריליאַנטן האָבן זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער ביז צום הימל, און פון זײ איז געוואָרן דער גרויסער „שטערנ־בער“, וואָס מען זעט בײַנאַכט צווישן די שטערן אויפ׳ן הימל.

דרײַ אײַנפֿאַלן.

א.

אײַנער אַ איד, אַ לײַטישער און אַ פֿאַרמעגלאַכער מאַן, האָט אַ צײַט פֿאַרבראַכט אין דער פֿרעמד. פּלוצלונג איז ער דאָרט פֿאַר־שלאָפֿט געוואָרן און געהאַלטן בײַם שטאַרבן. פֿאַר׳ן טויט רופֿט ער צו זיך דעם בַּעַל־אַכְסַנְיָא, גיט אים איבער דאָס גאַנצע געלט זײַנס און זאָגט אים אַזוי:

— אויב מײַן זון, דער יוֹרֵשׁ, וועט אַראָפּקומען אַהער נאָכ׳ן געלט, זאָלסטו עס אים אַנדערש ניט אָפּגעבן, סײַדן ער וועט פֿריִער באַווײַזן פֿאַר דיר דרײַ קלוגע אײַנפֿאַלן.

געשטאָרבן — באַגראָבן.

אין אַ צײַט אַרום קומט אַראָפּ דער זון. און אין שטעטל איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז קײנער טאָר נישט אָנווײַזן אַ גאַסט, וואָס פֿרעגט זיך נאָך אויף עמיצן, וואו יענער וואוינט.

געקומען אין שטאָט, פֿרעגט זיך נאָך דער יוֹרֵשׁ: „וואו וואוינט דער און דער בַּעַל־אַכְסַנְיָא?“ זאָגט אים קײנער ניט. דערזעט ער — אײַנער טראָגט זיך אַרום אין מאַרק מיט אַ בינטל האָלץ. פֿרעגט ער:

— צום פֿאַרקויפֿן?

— יאָ. — ענטפֿערט דער טרעגער.

— נאַ זשע דיר לויט דעם פּרײַז פֿאַר׳ן האָלץ און טראָג עס אַוועק צו יענעם און יענעם! — און דערבײַ רופֿט דער גאַסט אָן דעם נאָמען פֿון יענעם בעל־אַכסניא.

גײַט דער האָלצטרעגער פֿאָרויס און דער יורש נאָך אים, ביז זײ זײַנען געקומען אין הויף פֿונ׳ם הויז, וואָס דער יורש האָט באַדאַרפֿט.

— עי, דער און דער! קום נעם צו דײַן בינטל האָלץ! — רופֿט דער האָלצטרעגער דעם בעל־אכסניא.

— וואָס פאַר אַ האָלץ? — פרעגט יענער פאַרוואונדערט. — ווען האָב איך דיר געהייסן ברענגען האָלץ?

— געהייסן האָט אָט דער מאַן, וואָס גייט נאָך מיר! — זאָגט דער האָלצטרעגער.

ב.

גיט אָפּ דער באַלעבאָס דעם גאַסט „שלום“ און פירט אים אַריין צו זיך אין שטוב.

— ווער איז אַ יונגערמאַן? — פרעגט דער באַלעבאָס.

— איך בין — ענטפערט יענער — דער זון פון דעם מאַן, וואָס איז ביי דיר אין שטוב געשטאָרבן.

נעמט אים דער באַלעבאָס זייער שיין אויף און מאַכט פאַר אים אַ מאָלצייט. זעצט זיך אַרום טיש דאָס גאַנצע הויזגעזינד: דער באַלעבאָס, זיין פרוי, צוויי זין און צוויי טעכטער. דערלאַנגט מען צום טיש פינף געבראָטענע הינדלאַך. איז דער באַלעבאָס מכבד דעם גאַסט מיט טיילן.

קווענקלט זיך דער גאַסט. שטייט אָבער דער באַלעבאָס צו אים צו. טוט אים דער גאַסט צוליב און נעמט טיילן. לייגט ער אַוועק איין הינדל צווישן מאַן און ווייב, אַ צווייטס — צווישן די צוויי זין, אַ דריטס — צווישן די צוויי טעכטער און די לעצטע צוויי הינדלאַך לייגט ער פאַר זיך. עסט מען און מען מאַכט זיך ניט ווויסנדיק.

פאַרנאַכט ברענגט מען אַ געשטאָפּטע הון. שטייט דער באַלעבאָס ווידער צו צום גאַסט, ער זאָל זיין דער אויסטיילער. טוט יענער אים ווידער צוליב און טיילט דאָסמאָל איין אויף אַזאַ'ן אופן: דעם קאָפּ לייגט ער אַוועק פאַר'ן באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, די צוויי פיסלאַך — פאַר די צוויי זין, די צוויי פליגלען — פאַר די צוויי טעכטער, און זיך נעמט ער דעם גאַנצן גוף פון דער הון.

ג.

דאָ האָט זיך שוין דער באַלעבאָס ניט געקאָנט איינהאַלטן און אים אַ פרעג געטאָן: „יונגערמאַן, האָט מיר קיין פאַריבל ניט. עפּעס

אַ מְשׁוּנֶה מין אויסטײלן! איז טאַקע אין אַנדערע ערטער אַזוי דער מִנְהָג?"

— ליבער באַלעבאָס! — האָט דער גאַסט געענטפערט. — איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך בײדע מאָל אָפּגעזאָגט פון אויסטײלן, ווײַל אין דער אמת'ן גערעדט, איז עס נישט מײַן זאַך. נאָר פון דעסטוועגן געפין איך, אַז איך האָב בײדע מאָל אויסגעטײלט, ווי געהעריק. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געבראַכט פינף הינדלאַך. נו, האָב איך געגעבן אײן הינדעלע פאַר דיר און דײַן פרוי — האָבן מיר אינאײנעם אַ דרײַער; דײַנע צוויי זין מיט אַ הינדל — ווידער אַ דרײַער; דײַנע צוויי טעכטער מיט אַ הינדל — אָבעראַמאָל אַ דרײַער. נו, און איך מיט צוויי הינדלאַך — אויך ניט מער ווי אַ דרײַער. וואָס, האָב איך אֶפְשֶׁר פאַרנומען אַ פרעמדן חֵלֶק?

הײַנט מיט דער געשטאָפּטער הון. דער קאָפּ קומט דיר און דער באַלעבאָסטע: איר זײַט דאָך די קעפּ פון דער שטוב. די צוויי פיס — דײַנע זין, ווײַל זיי זײַנען די זײַלן פונ'ם הויז. די צוויי פליגלען — דײַנע טעכטער: מאָרגן האָבן זיי חֲתוּנָה לְמַזָּל, הייבן זיי זיך אויף און פליען פון דאַנען אַוועק מיט זייערע מאַנען. איך פאַר זיך האָב גענומען דעם גוף, וואָס איז ענלאַך צו אַ שיפל: מיט אַ שיפל בין איך אַהער געקומען און מיט אַ שיפל פאָר איך אַוועק. גיב זשע מיר, זײַ מוֹחֵל, אָפּ דאָס געלט, וואָס מײַן פאָטער האָט בײַ דיר אײַנגעלײגט און לאָז מיך אָפּ.

נאָך די דרײַ אײַנפאַלן פונ'ם יוֹרֵשׁ האָט דער באַלעבאָס ניט גערעדט קײַן וואָרט, אים באַלד אָפּגעגעבן זײַנס און אָפּגעלאָזט בְּשָׁלוֹם אַהײם.

רעטענישן און פראַגן.

א ליַילאך געשפּריַיט, ארבעס געזיַיט, א טעלערל אין מיטן.

א ברעט ליגט אין וואסער און ווערט ניט צעפּוילט.

וואס מער מען נעמט פון דעם, אלץ גרעסער ווערט דאס.

אזוי לאנג ווי איך נעם ניט קיַין טרונק, קען איך ניט רעדן.

ווער האט נאך אויף זיכער קיינמאל קיַין ליגן ניט געזאגט?

וועלכער איד טראגט דאס גרעסטע היטל?

ב ש ע ת ער גייט, ליגט ער.

ווער האט אויסגעטראכט, אז נאראנים האבן ליב זים?

ווערט געבארן פליענדיק, לעבט ליגנדיק און שטאַרבט לויפנ־דיק.

וואו זעט איר זיך גאנץ אפט, וואו איר זיַיט קיינמאל ניט געווען און קענט קיינמאל ניט זיַין?

פיר ברידער לויפן איינער נאכ'ן אנדערן און קענען זיך ניט כאפּן.

דרייט זיך ארום איבער'ן גאנצן הויז און שטעלט זיך אין א ווינקעלע.

א לאטע אויף א לאטע און אן א נאט.

ס'קיַיקלט זיך א פּעסעלע אין א שמאלינק געסעלע און ווערט ניט צעבראכן.

זומער טוט ער אן דעם פּעלץ, ווינטער ווארפט ער אראפּ דעם פּעלץ.

העברײַאיש-אידישע ווערטער,

וואָס געפינען זיך אין דעם בוך פון זײַט 62 אָן.

אַבטַליוֹן
אוֹפן
אוֹצֶר׳ל
אַלֶף־בֵּית
אֶמֶת
אֶמֶת׳ער
אַפִילוּ
אֶפשָר
בּגָדִים
בָּחוּר
בָּחוּרִים
בֵּית־הַמֶדרֶש
בּכָבוֹד׳ער
בַּעַל־אַכסַניָא
בּשָלוֹם
בּשַעַת
בַּת־יחִידָה
גַזלָן

גַנבֿ׳ענען
גַן־עֵדן
דבוֹרָה׳לע
הַלְוַואי
הִלֵל
הַמֶלֶך
הַנָאָה
זִיכָּרוֹן
זַלמָן
זֶמֶר׳ל
חַבֶר
חַבֵרִים
חוֹשֶד זײַן
חַזִיר
חַזִירִים
חַיָה
חַיִים

חָכָם
חַכָמִים
חָכמָה
חֵלֶק
חֶסֶד
חַסָדִים
חָשֶוב׳ער
חַתוּנָה
טוֹבָה
טָעוּת
טַעֲנֶה׳ן (טײַנען)
יוֹסֶף
יוֹרֶש
יוֹרֶש׳טע
יַם
ירוּשָה
ירוּשָלַיִם

כָּבוֹד
כּדֵי
כּוֹחַ
כּוֹחוֹת
כַּל־בָּא־שָבוּעַ
כָּל־זמַן
כַּעַס
לבָנָה
למַזָל
לסוֹף
לָשוֹן
מַאכָל (מײַכל)
מַאכָלִים (מײַכאָלים)
מוֹרֶא
מחַבֵּל
מכַבֵּד
מלַמֶד

מִנְהָג
מְנַשֶּׁה
מִסְחָר
מִסְתַּמָא
מַעֲשֶׂה (מײַסע)
מַעֲשׂוֹת
(מײַסעס)
מַעֲשִׂים
(מײַסים)
מִשְׁנָה
מַתָּנָה
מַתָּנוֹת
נְדָבָה
נְדָבוֹת

סוֹחֵר
סוֹחֲרִים
סְחוֹרָה
סְחוֹרוֹת
עֵדוּת
עוֹלָם
עֲקִיבָא
פָּנִים
פְּרוּטָה
פְּרוּטוֹת
פֵּרוֹת
צָרָה
קָרוֹב

רֶבִּי
רֶגַע
רָחֵל
רֵיחַ
רַעַשׁ
שָׁבָא
שַׁבָּת
שַׁבָּת'דִיק
שִׁיעוּר
שָׁלוֹם
שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה'לע
שֵׁם
שְׁמַעְיָה

שַׁמָּשׁ
שָׁעָה
שֵׂכֶל
שִׂמְחָה
שִׂמְחוֹת
שְׂרֵפָה
תְּבוּאָה
תּוֹרָה
תַּכְרִיכִים
תַּלְמִיד
תַּלְמִידִים
תָּמִיד
תַּעֲנוּג (טײַנעג)

Mar. 7 — Copy in Sefer p. 91 — and translate
Review lessons — p. 74, 75, 68, 71
Same Haggadah work
Jewish reading — Review p. 76–80, 85, 86
Composition

Mar. 14 — Copy in Sefer p. 91 — and translate.
Review lessons p. 74, 75, 71, 68.
Haggadah reading
Jewish reading — 85–86, 133–135
Jewish Composition — Story of ...

Review 124–127
copy first chapter
Hebrew review – Sefer p 1 – p. 15

1 – Chanukah prayer – 551–552
Jewish reading 133–135 – copy first [illegible]
Answer 4 questions in Hebrew p 17
Hebrew review in Sefer – 16 – 25 –
copy p. 22 and 23 – Hebrew and translate into English

Dec. 8 – Chanukah prayers – 551–552
Review Hebrew Sefer 16 – 25.
– copy p 22 – 23. – Hebrew and translate
Jewish reading – review 133–135

15 – Chanukah prayer – 551–552
Jewish reading p. 115 – 118
correct spelling mistakes
[illegible]

22 – Chanukah prayers 551–552
Jewish reading – Review p. 115–118
new lesson p. 69–70
Correct spelling errors – 2 lessons
Jewish Sight – [illegible] p (6 – 67)
Hebrew – learn p. 34, 35 [illegible] p. 39
copy p. 39 and translate

Dec 29 – Hebrew review of hard work –
Do all your writing in note book
Review Hebrew lessons p. 34, 35, 37,
Sight Jewish reading p. 65 + 67 also 68 + 69

UNIVERSITY OF TORONTO

(P. Hand 73

Oct 7 – P. 67
74–75 – copy p. 74

21 – p. 24 & 25 – copy half ... and read it, ... 25 ...
25 times

... 7 – p 24 & 25 – Light – copy p 25

... 14 – p 24 & 25 – ... – copy ...
paragraph ... p 25

... 21 – Reviewed with p. 25 – Haggadah
Reviewed 93 & 94, 74 & 75, 6, 7, 8, 9. – Copy ... p 25 ...

... 30 – p. 121 – 133 – Second reading – copy ...
p. 75 – ... and ...
– Reviewed p. 12 – 45 – ...

... – 14 ... reading – ... p. ...
copy p 21 – ... writing
... 12 – 15 – complete ... writing

... 11 – Read lesson 98 – 100 – Copy ...
Reviewed – 82, 89 – 92

... 15 – Read lesson p. 121 – 123 ...
Copy p. 121 – ... with ...

... – p. ... – Memorize ... p. 92
... – Copy p. 117 – ...

[illegible] progress – p.111, p.[illegible] – poem – [illegible] translation [illegible]
Jewish reading p.16, 17, [illegible], [illegible] 77 [illegible]
copy Jewish lesson p.16 [illegible] top of p.17
copy p.60, p.68, Hebrew only

.. 31 – Jewish – Review reading p.77 and 78. New lesson p.72 [illegible]
[illegible] poems – reading and translation of
p.65, 60, 80 (get [illegible])
New Hebrew poem – p.92 – copy Hebrew and translate
Another Hebrew poem for reading and translation p.93

.. 7 – Jewish 44–49 also 46–47
Hebrew lesson – 2 lessons p.74 } copy Hebrew of these
1 lesson p.66 } these lessons [illegible]
Haggadah word – all the Kiddush

.. – Jewish 50 – 51, 52, 53
Haggadah work – Review same work
Hebrew lesson p.74, p.65 – copy Hebrew and translate
of these three lessons
Jewish Composition – [illegible] p.75

.. 21 – Haggadah work – Kiddush – really well.
Jewish reading 36, 37, 54, 55
Hebrew lessons – 31, 32 – copy Hebrew and translate in [illegible]
Jewish letter. – Review for conversation p.66, 74

..th 28 – Jewish reading – 78 – 80, 29, 30.
Haggadah [illegible] – Kiddush –
Jewish Composition.
Hebrew lesson – p.75 – copy Hebrew and translate
Review 46–47

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 01430087 5

Levin, Jocob Leon
Der onfanger

PJ
5116
L45
1922
v.3
c.1
ROBA